235

# לשון און לעבן

## חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור


נומער 9־8 (העפט 71־370) דריי און צוואַנציקסטער יאָר אויג.־סעפּ. 1962 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


א י נ ה א ל ט :


ימים־נוראים, העקני טאַון־האָל אַנטי־פאַשיסטן מאַסנפאַרזאַמלונג, די בערלינער וואַנט, 10/טער יאָרצייט פון די יידיש־סאָוויעטישע שרייבערס ....... ** 1
די קאָנצעפּציע פון תשובה ....... י. ריכטיגער 5
אַ תפילה, הײנט זיץ זיך ביים ים (לידער) ....... שמואל ווהייט 9
א „סמעשינג טיים", אדער א לויפעניש צום ים (דערציילונג) ....... י. ביעטש 10
זומער פייגעלעך (ליד) ....... עלע זילבערג 15
נישט אומזיסט (ליד) ....... עמילי צוקינסאָן 15
די שטאָט פון די מזיקים (דערציילונג) ....... וויליאַם מאַגינן 15
ביים ים (לידער), שלמה מלך (פּראָזע) ....... א. נ. שטענצל 23
איבראַהאַם (פּאָעמע) ....... יוסף לעפּטאָוויטש 44
יוסף לעפּטאָוויטש (עסיי) ....... אליהו פּאַלושאַק 44
ווער זיינען דאָס „די נעמער" ? ....... משה בעקערמאַן 46
אַנטי־סעמיטיזם אַמאָל און היינט ....... מ. מינדל 48
שלמה למעל ע.ה. ....... י. ל. פּיין 49
מאַנע קאַץ ע.ה. ....... ש. 51
יידיש קולטור ידיעות ....... 52
יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס ....... 52



פריינט פון יידיש לשון

### גראַנדיעזער שמחת-תורה באַל

טאַנץ און געשמאַקע יידישע מאכלים

זונטיק, דעם 21/טן אָקטאָבער 7.30

אַדלער האָל אַדלער סטר., א.1.


### פרייז 2 שילינג


אַבאָנאַמענט־פרייז :—26 שילינג פאַר א יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by A. N. Stencl, 17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*


מ׳נדערוועט׳קע. (די אַראַבישע יידן ריידן אַראַביש צו זייערע קינדער; און די אָרעמע געסלעך פון די אַראַבישע יידן הערט מען אַראַביש׳ס מוזיק פון די ראַדיאָ־קאַסטנס, זיי גיבן בכלל נישט אויף אזוי שנעל זייער שפראַך און טראַדיציע עס הגם עס האט גאַרנישט באַרייכערט דעם יידישן גייסט פאַר די לעצטע עטלעכע הונדערט יאָר).

די העברעאישע שרייבערס בילא און הוז קלאָגן אַז די יוגנט אין ארץ־ישראל איז אויסגעליידיקט און עס ציט זיי צו ביליקע אַמעריקאַנער פילמען און דזשעז־מוזיק, פאַקטיש האָבן דעם פּראָצעס פון אויסליידיקן זיך, אנגעהויבן זייערע טאַטעס. אמת, מ׳האט די קינדער געבאַלעוועט און נאכגעגעבן צופיל; אפילו די קינדער אין די קיבוצים האָבן נישט קיין רעספּעקט פאַר ארבעט און קוקן מיט בענקשאַפט צו די נעאָן־ליכטער פון די שטעט. אבער, די טאַטעס האָבן גענומען, לויט ווינק פון אויבן, אדער אליין, אויעקוואַרפן אלץ וואס זיי האָבן איינגעזאַפּט אין גלות; אפילו דרך־ארץ פאַר שיינקייט, פאַר וויסן און חכמה; מען איז געוואָרן פּראַקטיש און מאַטעריאַליסטיש, מען ענטפערט איך: „ענגליש קומט מער צונוץ — מ׳קען דערמיט קריגן א בעסערן פּאָסטן" (אויב עס וועט נישט זיין גענוג פּאָסטנס, וועט מען שיקן די זין און טעכטער קיין אַמעריקע . . .).

אדער, נעמט א טאָג פון טרויער נאך די זעקס מיליאָן יידן, רעגירונגס־מענטשן און „יד ושם" ווייסן אז יידן געדענקען נאך דעם בראָך, צי שילומים איז יאָ באַרעכטיקט אָדער נישט; די מערהייט געלטענע פון די לאַגערן, די פּאַרטיזאַנטע און אומגעקומענע, קענען נישט פאַרגעסן, האט מען טאַקע געבויט אין פּראַכטפולן זאַל פון „היכל התרבות" און אין די בערג פון לעבן ירושלים, ווי לאַנדסמאַנשאַפטן פאַפלאַנצן ביימער צו געדענקען זייערע פאַרשניטענע קהלות. צי האט מען אויף די גרויסע פאָלקס־פאַרזאַמלונגען, ווו עס זיינען געווען פאַרזאַמלט א מערהייט פון די לאַגער־מענטשן — האט מען גערעדט יידיש? האט מען כאָטש איין יידישן רעדנער פאַרבעטן אויף דער טריבונע? ניין; אפילו ד״ר דוואָרזשעצקי פון ווילנער געטאָ האט זיך געמאַטערט אויף עברית. (אין קינא „תל־אביב" האט מען יאָ גערעדט יידיש, אבער מ׳האט נישט געקאָנט אריינלאָזן מער ווי עטלעכע הונדערט מענטשן; די איבעריקע האָבן נישט געקריגן קיין איינטריט־קאַרטן). „יד ושם" שעמט זיך אויך מיט יידיש . . .

אין דער יידישער ראַדיאָ, וויפל א שטיגער דאַרף מען צוטיילן די יידן וואס פאַרשטייען צום בעסטן יידיש, האָבן ליב א יידיש ליד, און ווילן וויסן וועגן יידישע פּראָגעס פון יידישן לעבן און שאַפן?

געווען א גאַנצע האַלבע שעה האט מען עס געקירצט אויף פינף־און־צוואַנציק מינוט, א האַלבע שעה איז צופיל פאַר א מיליאָן יידן וואס קוויקן זיך מיט א יידיש וואָרט. אפילו ותיקים און די וואס ריידן צו זייערע קינדער רק עברית, האָבן ליב א יידיש ליד!)

און מען פאַרבעט מאַנגערן און . . . מען וויל אלע יידישע שרייבערס אין ארץ־ישראל. צי וואס? האַלטן זיי אין דער צווייטער אדער דריטער קאַטעגאָריע נאך ענגליש, פראַנצויזיש און דייטש? ווייזן זיי ווי מען טרעט איבער מאַמע לשון יידיש?


## יידישער וועלט-קאָנגרעס (קולטור סעקציע) און יידישער זשורנאַליסטן און ליטעראַטן פאַריין

איינלאַדונג צו אונזער

### ל ע ב ע ד י ק ע  צ י י ט ו נ ג

איבער תמוז-יאָרציטן וואס וועט פאָרקומען

זונטיק, 15־טן יולי, 1962, פונקט 3 א זייגער

אין „ציון-הויז", 57 איטאָן אַוועניו, נ.וו.3

ZION HOUSE, 57 ETON AVENUE, N.W.3

אונטער דער רעדאַקציע פון **יואל צאַנג**

1. לייטאַרטיקל — שלום אש ....... דער רעדאַקטאָר
2. וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי ....... ש. י. האַרענדאָרף
3. טעאָדאָר הערצל ....... יוסף פרענקעל
4. ח. נ. ביאַליק ....... שלמה אוירבאַך

א י י נ ט ר י ט  פ ר י י — ק ו מ ט  א י ן  צ י י ט


מיר דריקן אויס צו **מאַדאַם נאַדלער**, די פאַרזיצערין פון דער וויצ״א אין דער איסט־ענד, צום פאַרלוסט פון איר מאַן, **יצחק נאַדלער**. אונזער טיפן מיטלייד צו איר און אירע קינדער.

„פריינט פון יידיש לשון"

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 9־8 (העפט 71־370) דריי און צוואנציקסטער יאר אויג.־סעפ. 1962 לאנדאן

## ימים־נוראים . . .

1

„אשמנו מכל העם, בושנו מכל לשון" . . . און נאך איפן לעצטן זייטל פון „לעצטן פון די צדיקים", דער ווידוי־געשריי: „פון לופט־מענטשן איז געווארן לופט" . . . או אך און אז ווי.

און אונזער כוח און שטאלץ איז נאך אלץ, ווען רבי עקיבא און בר־כוכבא גייען האנט אין האנט — עשרה הרוגי מלכות!

דער יידישער ראש־השנה איז נישט נאר „ונתנה־תוקף"־סך־הכל. מי בחרב, ומי בשרפה" — עס איז חשבון הנפש! אבער צי וועט בלייבן נישט געסילוקט אונזער העכסטע תפילה: „וידעו כל פעול כי אתה פועלתו, וידעו כל יציר כי אתה יצרתו".

.2

מיר שטייען ווידער פאר ימים נוראים: „הלכה בידיעה שעשיו שונא ליעקב" און די חסידי אומות העולם מאכן עס פאכאסידאצקעמו, מיטן הארבן פסוק: „את שלומם ואת טובתם על תדרוש כל ימיך".

אין מיטלאלטער האט די קירכע מיט א צוועק אונז געלאזן לעבן, צו באווייזן איר אויטאריטעט איבער אונזער שפלות: מפני חטאנו גלינו מארצנו". איצט, ווען מיר האבן שוין אונזער לאנד, געברויכן זיי עס, די הומאנע און סאציאלע קולטור פעלקער, פאר פאליטישע מאניעווערס . . .

און מיר? די דריי דימענזיעס, וואס איז פאר יעדן פאלק דער חוט־המשולש פון זיין עקסיסטענץ, איז נאך אלץ פאר אונז דער עגל־המשולש: וואס איז געווארן פון אונזער רעליגעז־געפיל? אבשרע קושקע מיט א געשמדטן האלדז; דער קולטור־חוש אונזער איז שוין אינגאנצן כמעט אנטראפירט; און די אסימילאציע גייט שיין אפ אין יידישן בלוט ביי איר לעצטן נסיון.

.3

„זכור לנו ברית אברהם ועקדת יצחק! 1936 זאגט צו מיר א פראלעטארישער־פירער אין דייטשלאנד: „וואס ווילסט דו, מיר זאלן פאר אייך ארויסכאפן די קאשטאנעס פונם ברענענדיקן פייער? מיר האבן וויכטיקערע ענינים".

האבן מיר אויך איצט וויכטיקערע ענינים? מילא אז אונזער קלער, אונזערע מנהגים זיינען נישט געקומען צו דער ערשטער גרויסער מאסן־פארזאמלונג אין העקני טוין האל גערופן פונם אנטי־פאשיסטן פראנט איז קלאר: פאר ימים־נוראים זיינען די ערשטע באשעפטיקט מיט פארקויפן „סיטס" אין די סינאגאגעס און די צווייטע מיטן צוגרייטן דעם כל־נדרי־„אפיל".

אבער ווו איז די הערעאישע יוגנד, וואס טאנצט אין די לאנדאנער גאסן

## לשנה טובה תכתבו ותחתמו

די רעדאקציע „לשון און לעבן" ווינשט אירע מיטארבעטער, לייענער און כל ישראל א כתיבה וחתימה טובה.

יהודה ביעמש, פרוי און טאכטער, ווינטשן זייער משפחה ברידער און שוועסטער, פריינט און באקאנטע, בכל מקום שהם א שנת חיים ושלום און א כתיבה וחתימה טובה.

מנשה ווייסגראס און פאמיליע ווינשט זיין משפחה, פריינט און בעקאנטע א געזונט און גוט יאר.

נ. רובין און פאמיליע ווינשן זייער משפחה און פריינט פון יידיש לשון שוישפילער פון גראנד־פאלע־טעאטער און באזונדער מארק מארקאוו און עסא טאפל, און סאדערן ראדישיא, א כתיבה וחתימה טובה.

מילי באריס ווינשט אירע קינדער, פריינט און בעקאנטע, ספעציעל די פריינט פון „לשון און לעבן" א גוט געזונט יאר.

דער קאמיטעט פון „פריינט פון יידיש לשון" ווינשט זיינע מיטגלידער א כתיבה וחתימה טובה.

די ברידער באראדיצקי, בר כוכבא און כרמל, פון פארלאג און דרוקעריי „די נאראד פרעס" ווינשן א כתיבה וחתימה טובה זייער מוטער אין ישראל און זייער קרובים און פריינט, אנגעשטעלטע און קליענטן.

צו אלע אונזערע פריינט — א „שנת חיים ושלום" — א. מ. קיזער און פאמיליע.

לשנה טובה תכתבו! די בעסטע ברכות צום נייעם יאר מיין ברודער אהרן שוועבערינג, פליטעניקס און לימעניצעס אין בריסל, תל־אביב, טאראנטא, זייערע פרייען און קינדער, די קאלעגן און „פריינט פון יידיש לשון", דער יידישן זשורנאליסטן און ליטעראטן־פאריין אין לאנדאן; די ה״ה רעדאקטארן און מיטארבעטער פון די יידישע ציימונגען אין תל־אביב, ניו־יארק, ארגענטינע, בראזיל, יאהאנעסבורג, פאריז און לאנדאן. — ש. י. הארענדארף און פרוי.

דער דיכטער שמואל און אסתר וואייס — ווינטשן זייער פאמיליע, פריינד און כלל ישראל א כתיבה וחתימה טובה.

כ׳ווינטש א כתיבה וחתימה טובה מיינע פריינט משה זאמב.

יעקב און בתיה ריכמינער ווינטשן זייערע קינדער און אייניקלעך, קרובים און פריינד א כתיבה וחתימה טובה.

אליה פאלושאק ווינטשט זיינע קרובים און פריינט א גוט יאר.

בן צבי בערנשטיין ווינשט זיין טאכטער און אלע פריינד פון „לשון און לעבן" און בעקאנטע א כתיבה וחתימה טובה.

יהושע פאדרא ווינטשט זיינע פריינט און באקאנטע א לשנה טובה.

משה בעקערמאן און פרוי ווינטשן משפחה, פריינט אין ענגלאנד, פראנקרייך, פוילן און אמעריקע און כל ישראל א־יאר פון געזונט, פרנסה און א פרייעדלעך לעבן.

עלי זילבערג ווינשט א געזונטן און גליקליכן יאר צו איר טייערן ברודער און זיין משפחה צו אלע פריינט פון אידישן לשון לשנה טובה תכתבו.

רחל מירסקי ווינשט איר שוועסטער און שוואגער אין דער שווייץ, איר ברודער מיט זיין פרוי און קינדער אין אמעריקא, איר משפחה אין מדינת ישראל אויך אין פאריז און אלע פריינט אין לאנדאן א גוט יאר.

יודל גאלדבערג, פרוי און טאכטער ווינטשן די גאנצע משפחה, פריינט און באקאנטע א גוט יאר.

לשנה טובה צו אלע פריינד און יידן בכלל און דער גאנצער וועלט ווינשט מרים פאזאלסקי.

מארים מינדעל און פרוי ווינטשן א גוט געזונט יאר זייער משפחה און זייערע פריינט.

ל. ביילי — איך ווינטש מיינע קינדער און אייניקלעך אויך מיין ליבע שוועסטער מיט איער מאן איין גוט און געזונד יאר.

י. ט. לאקער — א גליקלעך יאר מתוך שלום ושלווה אלעמען.

חיים גרשון אבערמאן און פרוי ווינשט אלע מתפללים פון דער נעלסאן שול און רבי שפעטמאן א כתיבה וחתימה טובה.

סעם גולדבערג און ווינאגראד ווינשט אלע זיינע פריינט א גוט יאר.

ווילי טרענער און פאמיליע ווינשט אלע זיינע פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

פרוי סאכאטשעווסקי ווינשט אלע פריינט און פאמיליע א געזונט פריידיק יאר. צום אנדענק פון סאכאטשעווסקי ע״ה, קאנט איר באקומען ביי מיר ביליק זיין לעצט בוך.

עמנואל געלער, פרוי און טאכטער ווינטשן א גוט יאר זייער משפחה און פריינט.

שלמה ראזענפארב ווינטשט קרובים און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

אינם „יום־העצמאות״? און ווו זייענען אונזערע שרייבער געווען, — פון אונזער דריי־שפּראַכיקן שרייבער און זשורנאַליסטן־פאַראיין! — זייַנען זיי שוין באַשעפטיקט אין זאַמלען מאַטעריאַל פאַר א פּנקס־לאַנדאַן? . . .

.4

„אשרי אדם המפחד תמיד״ איז טאַקע דער מאָטאָ פאַר תשעה־באב, אָבער דער „ובכן תן פחדך״ פאַר ימים־נוראים איז מסתם דער טייטש ווי יענער רבי האָט געזאָגט: ובכן תן „פחדך״ באַטרעפט (בגמטריא) אויך „געלט״. „אחר הדברים האלה״, נאָך דעם אלעם וואָס ס׳איז געשען, שטייען מיר ווידער פאַרן גרויסן נסיון, און ווי מיר ווייסן שוין איז די גרעסטע שרעק די אייגענע פּחדנות.

יאָ, פון אונזערע אבות לערנען מיר, נישט נאָר עומד בנסיון צו זיין, נאָר אז תפילה אליין העלפט נאָך נישט. ס׳מוז זיין גרייט „למלחמה״! וואָרום מיר ווייסן שוין, אז אין אונזערע רייען קאָנען זיין נישט נאָר פּאָטענציעלע רבי עקיבאַ׳ס, העלדישע בר־כוכב׳ס, וואָס זייער גאַנץ לעבן וואַרטן זיי אויף דער עת עומד בנסיון צו זיין, אויסצוגיין אויף קידוש השם און קדוש העם, נאָר אויך מאַרקאַפּטע קאַפּאָס און פאַרעטערישע „יודן־ראַטלער״ — לדוראון עולם!

* * *

„אשמנו מכל העם בושנו מכל לשון״! יאָ, מיר מוזן זיך ראַנגלען ביז דער מאָרגנשטערן וועט אויפגיין, אז אפילו פּונם שר של עשיו געבענטשט צו ווערן.

## העקני טאון־האל אנטי־פאשיסטן מאסנפערזאמלונג

אלע שטולן אויף דער פּלאַטפאָרמע פול באַזעצט,
בלויז דעם ראַביי׳ס געשטאַנען איז ליידיק;
קיין צייט געהאַט אהער דאָ צו קומען — מסתם,
שטאַרק באַשעפטיקט מיט א „סערוויס״־פרייַדיק.

און אפשר גאָט די נשמה נעבעך שולדיק
פון א גרעסערע מאַכט צוריקגעהאַלטן:
אין דער לעצטער מינוט א דעפּעשע, „נישט גיין״
פון „באָרד־אָף״ דעפּיוטיס דערהאַלטן.

פאַרשטעלט זיך דאָך אליהו שטענדס פאַר א גוי,
האָט ער זיך איצט פאַרשטעלט פאַר א גלח;
און נישט פון ערגעץ דאָ, פון העקני, געקומען,
פון גאָר א פיל ווייטערן מהלך —

ווי הימליש, אש־להביש, ווי אליהוש
נישט וואַסערדיק קיין פרעדיק געהאַלטן,
אונטער סוטאַנע מיט „געלן מגן דוד״
פלאַמיק־בלאַנקע האַק קנאַיש ב׳האַלטן . . .



## די בערלינער וואַנט

טויזנט יידישע שטעטלעך און אזויפיל געטאָ־ווענט,
מוז אייך שוין די איינע, די בערלינער, ווילגעפעלן,
עס שרייען די מערדער: „ווי אקיוז״! זיי האָבן מורא,
מ׳וועט זיי מיט פאַרבונדענע אויגן צום ווענטל שטעלן.

אז ווער קאָן דאָס שרייען אזוי חוצפהדיק, איב נישט זיי,
אין די טויזנטער ליגן זיי דאָך דאָרטן באַהאַלטן — —
האָט איינער כאַטש אין דער שטאָט, פון גרויס חרטה, איינער כאַטש! —
דעם קאָפּ זיך געשלאָגן אין דער וואַנט ביז צום צעשפּאַלטן?

א קינד פון דער בערלינער מויער אראָפּגעשאָסן?
איך פיל אייך. עס טוט וויי; איך פאַרשטיי עס קאָן פאַרדריסן!
מויל־און מעסער־העלדן, מעשענע־שטערן־פּחדנים,
שיקט זיי נישט ווו מען דאַרף נישט, וועט מען אויף זיי נישט שיסן.

מילא, איר שיקט אייערע אומשולדיקע קינדערלעך,
אויף לאַנדאָנער ווענט האַקן־קרייצן קרעציק צו מאָלן,
מ׳לאָזט זיי אריין קיין תל־אביב דאָס נעמלעכע צוט וָן,
איז עס „קאָמען מאַרקעט״ „שילומים־בלוט־געלד צו צאָלן.

גרויסע מויל־העלדן, לאַנץ־קנעכט אין גענאָגלטע שטיוול,
„דריי מינוט אונטער דער בערלינער מויער געשוויגן״,
און באַוואַכטע אונטער ענגלישע פּאָליציי־שמירה,
אויפן טראַפאַלגער־סקווער זינגען דעם „האָרסט־וועסל״־ניגון?

ווי די טויבן האָבן דאָס דערשראָקן אויפגעפלויגן
דערהערט קראַקען די „דיכטער און דענקער״ ראָבן־לידער — —
כ׳פאַרשטיי אייך, כ׳פיל אייך מיט. פריי פון האַרצן ארויסזינגען,
„ווען דאָס יודן־בלוט פון מעסער שפּריצט״, ס׳גלוסט זיך אייך ווידער.

אָבער אומשולדיקע טויבן ווי קאָנען זיי פאַרשטיין,
דערשמעקט טויט, האָבן זיי געלאָזט דעם פּלאַץ פאַר די ראָבן.
פון אונטער דער קאָווענטרי קאַטעדראַלע־חורבה, —
ווי טיכטיק געשיקט, — דווקא דאָרט דעם „העלד״ אויסצוגראָבן! . . .

אָנגעטון אים, דעם יאַרדאַן, די לאַנץ־קנעכט וואַטאַן־שטיוול,
קודם דורך יודן־בלוט לערנען קינדער דאָ מאַרשירן,
און דערנאָך ווי לאָרדיש „האַו האַ״, גנביש־באַגראַנדע,
אינם גרויסן בלוט־באָד די גאַנצע וועלט אריינפירן.

מויל־און מעסער־העלדן לאַנצקנעכט אין בלוט־שליאַדעס שטיוול,
„דריי מינוט אונטער דער בערלינער־מויער געשוויגן״ — —

ווּיפיל יאָרן מוזט איר ערשט שווייגן נאָך די מיליאָנען,
זקנים פון בעטן־געריסן און קינדער פון וויגן.

מיט „קאַמען מאַרקעט״, מיט „גאָלד־קריג״ מיט קעציש „איי לייק אייק״
גרייט איר זיך אייערע נעצן פריש אויסצושפּרייטן!
איר זאָלט נישט קענען כאַפּן די פיש פאַר די בלוט־טייכן,
„גאָטס־האַנט״ א פּעלזיקע וואַנט געגומען האָט צוגרייטן.

נישט פון שטיין און צעמענט, נישט פון שטאָט און אייזן צומאָל —
בלוט פון א מיליאָן קינדער געגליוועדט אין א מויער!
און זייערע טרערן — די געפּערלטע אותיות,
פון נישט דערשרייבנדיקן איכה פון אונזער טרויער.

גרויסער גאָט מיט איין האַנט שטראָפסט דו, מיט דער צווייטער טרייסט דו
האַלט דיין שיצנדיקע שטאַרקע האַנט איבער דער מויער,
אז אומשולדיקע קינדער נישט געמאָרדעט מער ווערן,
א וואָרענונג־און געדענק־צייכן לדור־דור.

איז ווען שטעלן אויף דער מויער פאַר „שומר החומה״,
צו שרייען „שומר מה מליל״, אז מען זאָל דערהערן,
סאָלדאַטל מיט „עוזי״־ביקסל, אדער רויט־אַרמייער,
א באַוואָפנטן מיט די לעצטן אטאָם־געווער?

יאָ, ביז איר וועט נישט צופאַלן מיט די קעפּ צו דער וואַנט,
מיט חרטה־וואָרט — הערצער איפגעלויכטענע אין טרערן!
וועט איר זיך איינס דאָס אַנדערע ברידערלעך אויסמאָרדן,
קבורת־חמור, אונטער איר דאָרט, באַגראָבן צו ווערן.

## 10-טער יאָרצייט פון די יידיש-סאָוויעטישע שרייבער

אָן די עשרה הרוגי מלכות,
צי וואָלט דען נאָך געווען א יידיש פאָלק אַצינד?
אויף קידוש־השם גייען אויף קדושים,
און זייער נאָמען גייט ווייטער פון קינד צו קינד.

עס וואָלט דאָך שוין געווען „נאָכאַלעמען״
א „קופּע״ אַש, א צעפּלאַשעטע אינם ווינט — —
שנירעלע בלוט פון אירע לעצטן וואָרט,
אין דער אייביקייט ס׳קניפּט ווידער אָן אין פאַרבינדט.

געשאָכטענע טויבן אויפגעפלויגן,
פּאָדים־שליאָד אהיים צו געפונען — ס׳בלוט וואָס רינט!
וואָרקנדיק, כאָרכלדיק, אויסגייענדיק — —
פון העלדן טויט נצחון־ליד ווייטער זיך שפּינט.



וואָלט דען יידיש אות ווי נאָך געבליבן,
צומאָל „אַלע וועלדער שרייב־פּענעס, אַלע ימים טינט״?
מיט בלוט און מיט גלאָזונע־גלוט פון שייטער,
ווערט עס געשריבן פונם בראשית אָן ביז אַצינד.

### י. ריכטיגער

## יידישע פילאָזאָפיע און טראַדיציע

### די קאָנצעפּציע פון תשובה

לויט א דערקלערונג פון יחזקאל הנביא, איז די קאָנצעפּציע פון תשובה אויפגעבויעט אויף דער הנחה, אז יעדער מענטש האָט א בחירה: איז פריי צו טוען וואָס ער וויל. אין דער צייט פון יחזקאל הנביא זאָל האָבן דאָס פאָלק ישראל געגלויבט, אז צדקות און רשעות זענען איינגעבוירענע אייגנשאַפטן, דאָס הייסט: דער מענטש וואָס לעבט אויס זיינע יאָרן ערלעך און ארנטלעך איז געבוירן געוואָרן א צדיק, און דער מענטש וואָס שטאַרבט א שווינדלער און פאַרברעכער איז געבוירן געוואָרן א רשע. האָט די נבואה איפגעפאָדערט דעם נביא יחזקאל ער זאָל איבערגעבן דעם פאָלק ישראל אין נאָמען פון אלמעכטיקן, אז דער גלויבן איז א טעותדיקער. ווייל — „חי אני, נאם ד׳, אם אחפץ במות הרשע כי אם בשוב רשע מדרכו וחיה״: ביי מיין לעבן שווער איך — זאָגט דער האַר אלמעכטיקער — צו איך באַגער אימיצער זאָל שטאַרבן א רשע, נאָר איך וויל א רשע זאָל תשובה טוען און אויסלעבן די יאָרן ערלעך און ארנטלעך. ווייטער האָט די נבואה פאַרלאַנגט פון נביא יחזקאל, ער זאָל דערקלערן די קינדער פון זיין פאָלק, אז די איינגעבוירענע אייגנשאַפטן הינדערן ניט דעם מענטש צו פאַרענדערן זיי. — „צדקת הצדיק לא תצילנו ביום פשעו ורשעת הרשע לא יכשל בה ביום שובו״: די רעכטפאַרטיקייט פון א געבוירענעם צדיק באַשירמען אים ניט פון ווערן א שווינדלער און פאַרברעכער, און די אומרעכטפאַרטיקייט פון דעם געבוירענעם רשע שטערן אים ניט צו ווערן ערלעך און ארנטלעך. (יחזקאל ל״ג)

די דערקלערונג פון יחזקאל הנביא, אז דער געבוירענער צדיק איז בכח צו באַקעמפן זיין צדקות און ווערן א רשע, און דער געבוירענער רשע איז בכח צו באַקעמפן זיין רשעות און ווערן א צדיק, ווייל יעדער מענטש האָט א בחירה, איז ניט גענוג געווען צו לייזן די דילעמע פון רעליגיעזע דענקער. זיי האָבן געפרעגט — ווי אזוי איז מעגלעך עס זאָל זיין געטלעכער „ידע עתידות״: פאָראויס וויסן און מענטשלעכע בחירה: פרייער ווילן? כדי צו באַגרייפן די האַרבקייט פון דער פראַגע, מוז מען זיך טיפער פאַרטראַכטן אין דעם אונטערשייד צווישן דעם מענטשס ידיעה און די ידיעה פון אלמעכטיקן. מען דאַרף אין זינען האָבן, אז אפילו א פּראָסטער מענטש קאָן פאָראויס וויסן, וואָס עס וועט געשעען אין דער נאָענטסטער צוקונפט, און פאָרשער קאָנען פאָראויס וויסן, ווי אזוי זאַכן אדער פּאָליטישע און עקאָנאָמישע סיטואַציעס וועלן אויסזען אין שפּעטערדיקע צייטן. אָבער מחמת זיי זענען ניט אלוויסנדיק איז מעגלעך, אז

אומגעריכטע פארפאלן זאלן געצלעך פארענדערן די פאראויסגעזעענע רעזולטאטן און זיי מאכן פאר ליגנער. דערפאר זענען אפילו די גרויסע יידישע נביאים ניט געווען אבסאלוט זיכער צו זייער נביאות וועט מקוים ווערן, ווי ירמיה הנביא האט געזאגט צו דעם נביא חנניה. — איך זע־פאר שלעכטע צייטן אבער דער אלמעכטיקער קאן זיך דערבארעמען און זיי ניט ברענגען. (ירמיה כ״ח, ירושלמי סנהדרין פ״י ה״ז) דער איינציקער אבסאלוטער פאראויס וויסן פון די מענטשנקינדער איז — אז זיי וועלן שטארבן, ווייל קיין שום פאסירונג קאן ניט באפרייען לעבעדיקע ברואים פון טויט. אזוי איז אויך אבסאלוט די ידיעה פון אלמעכטיקן, אזוי ווי ער האט אלעס באשאפן און געפארעמט איז זיין ידיעה אן אלוויסנדיקע, און דערפאר, ווייל קיין אומגעריכטער פארפאל קאן ניט פאסירן איז זיין פאראויס וויסן אבסאלוט. דעריבער אויב דער אלמעכטיקער ווייס פאראויס אז דער געבוירענער צדיק וועט באצווינגען זיין רעכטפארטיקע נאטור און ווערן א שווינדלער און פארברעכער, און דער געבוירענער רשע וועט באצווינגען זיין אומרעכטפארטיקע נאטור און ווערן ערלעך און ארנטלעך, קומט ניט די פארענדערונג אדער די תשובה פון פרייען ווילן, נאר ווי פון א פאראויס באשטימטן געזעץ פון אלמעכטיקן, פון זיין פאראויס וויסן, וואס איז אומפארענדערלעך ווי זיינע גזרות?

דער רמב״ם באהאנדעלט דעם ענין פון דער סתירה צווישן אלמעכטיקנס ידיעה און דעם מענטשס בחירה, און ער טראכט צו לייזן די דילעמע; ער באהויפטעט, אז דעם אלמעכטיקנס ידיעה איז דער אלמעכטיקער זעלבסט, ניט א סעפאראטער כח ווי ביי די מענטשנקינדער, און אזוי ווי מען קאן ניט משיג זיין דעם מהות פון אלמעכטיקן, אזוי קאן מען ניט תופס זיין די פראצעדור פון זיין ידיעה. מען מוז דעריבער גלויבן מחמת דער אלוויסנדיקייט פון אלמעכטיקן, אז זיין פאראויס וויסן איז, ווי אן אומפארענדערלעכע גזרה, און גלייכצייטיק מוז מען אויך גלויבן אז יעדער מענטש האט א בחירה, ווייל אויב ניט האבן די מצות פון תורת משה קיין זינען... (רמב״ם הלאות תשובה פ״ה ה״ה) אבער די פראגע איז ניט בלויז וועגן דער סתירה צווישן דעם פאראויסוויסן פון אלמעכטיקן און דעם מענטשס פרייער ווילן, נאר נאך הארבער איז די פראגע וועגן דעם אלמעכטיקנס אייגנער בחירה? אויב מען זאל אננעמען, ווי דער רמב״ם באהויפטעט, אז דער פאראויסוויסן פון אלמעכטיקן איז אן אומפארענדערלעכער געזעץ, האט דאך דער אלמעכטיקער זעלבסט קיין בחירה ניט צו פארענדערן דעם פון אים פאראויסוויסנדיקן רעזולטאט?, מען קאן אויך ניט פרעטענדירן אז דער פאראויסוויסנדיקער רעזולטאט איז טאקי געווען זיין בחירה, ווייל דערמיט לייקענט מען אז ער איז א „כל יכל״: אז ער קאן אפילו פארענדערן זיין אייגנעם באשלוס? אז די מידה פון כל יכל איז דער יסוד פון דער יידישער אמונה, ווייזט זיך קלאר ארויס פון דעם ווייטער ציטירטן קאמענטאר פון דער גמרא. — אין תורת משה ווערט איבערגעגעבן אז נאך דער מעשה מיט די מרגלים, האט דער אלמעכטיקער געוואלט פארניכטן דאס פאלק ישראל און אויפשטעלן א נייע אומה פון משהס קינדער. האט משה געזאגט



צום אלמעכטיקן — די פעלקער פון כנען וועלן דאס הערן און זיך באריימען, ווייל זיי זענען שטארקער פון די מצריים ביזטו ניט געווען בכח צו ברענגען דאס פאלק ישראל אין דעם צוגעשווארענעם לאנד און האסט זיי אויסגעשאכטן אין דער מדבר, דעריבער וועט בעסער זיין דו זאלסט זיי פארגעבן די זינד. האט דער אלמעכטיקער מסכים געווען מיט משה רבינו און געזאגט „סלחתי בדברך, ואולם חי אני״. קאמענטירט די גמרא — איך האב פארגעבן, ווייל „החייתני בדברך״: מיט דיין אפרעדן מיך, ניט אומצוברענגען זיי, האסטו מיך לעבעדיק געמאכט אין די אויגן פון די פעלקער. (במדבר י״ד, ברכות ל״ד) וואס איז פארשטענדלעך, מחמת די דערקענטעניש פון אלמעכטיקנס עקזיסטענץ אין די מאניפעסטאציע אז ער לעבט, איז זיין יכולת צו טוען וואס ער וויל, אפילו צו פארענדערן די נאטור געזעצן. דעריבער אויב מען באהויפטעט אז ער קאן ניט פארענדערן זיין פאראויסוויסן פארלייקענט מען אז ער לעבט.

דער ראב״ד, אין זיינע השגות אויפן רמב״ם, קריטיקירט דעם רמב״ם פאר וואס ער האט זיך ארייננעלאזט אין דער חקירה וועגן דער ידיעה פון אלמעכטיקן און דעם מענטשס בחירה, ניט האבענדיק קיין אנדערן תירוץ צו לייזן די דילעמע, נאר אמונה. אויב אמונה — זאגט דער ראב״ד — וואלט בעסער געווען צו לאזן די גלויביקע תמימים ביי זייער גלויבן, ניט דערוועקן ביי זיי ספיקות און גייסטיקע צערודערונג. דער ראב״ד פירט אויס — כדי ניט צו האבן קיין סתירה צווישן דער ידיעה פון אלמעכטיקן און דעם מענטשס בחירה איז גלייכער אנצונעמען אז דער פאראויסוויסן פון אלמעכטיקן איז ניט אבסאלוט, ער ווייס, למשל, וועגן מענטשס צוקונפט אזוי פיל ווי די אסטראלאגן רעכענען אויס דעם שטאנד פון די פלאנעטן און שטערן אין דער שעה ווען דער מענטש איז געקומען אויף דער וועלט און דערפון זאגן זיי פאראויס וואס זיינע נייגונגען און אמביציעס וועלן זיין. אבער דער מענטש איז בכח מיט זיין שכל קריטיש צו באטראכטן זיינע איינגעבוירענע אייגנשאפטן און באצווינגען זיי. (השגת הראב״ד, רמב״ם פ״ה ה״ה) דאס הייסט: לויטן ראב״ד, האט דער אלמעכטיקער באגרעניצט זיין אייגנעם פאראויס־וויסן. ער ווייס וואס עס וועט זיין דער ארויסקום פון מענטשס איינגעבוירענע אייגנשאפטן און קעגנווארטיקע מעשים, אבער ניט וואס דער מענטש וועט אין דער צוקונפט באשליסן צו טוען.

א באווייז אז דער אויספיר פון ראב״ד איז אין הסכם מיטן וועלט באנעם פון תנ״ך זעט מען פון די ווייטערדיקע ציטירונגען: תורת משה דערציילט — „ויהי בשלח פרעה את העם״ — און עס איז געווען אז פרעה האט ארויסגעלאזט דאס פאלק, „ולא נחם אלהים דרך ארץ פלשתים כי קרוב הוא״ — האט זיי דער אלמעכטיקער ניט געפירט צום לאנד כנען אויפן וועג דורכן לאנד פלשתים, הגם דער וועג איז געווען דער נאנסטער, „כי אמר אלהים פן ינחם העם בראתם מלחמה ושבו מצרימה״ — ווייל דער אלמעכטיקער האט געזאגט, טאמער וועט זיך דאס פאלק איבערלייגן, ווען זיי וועלן זען א זיי מוזן פירן א מלחמה, און וועלן זיך אומקערן קיין מצרים. (שמות י״ג) דערפון איז צו זען אז דער אל־

מעכטיקער האט געהאט ספיקות וועג דער רעאקציע פון פאלק ישראל, ער האט פאראויסגעזען אז די פלשתים וועלן ניט לאזן דאס פאלק ישראל דורכגיין זייער לאנד, ווייל דאס איז געווען זייער כאראקטער, ניט צי העלפן אנהערע אין נויט, אדער זייער אפמאך מיט די כנענים, אבער ער האט ניט פאראויסגעוווסט, וואס דאס פאלק ישראל וועט טוען, ווען זיי וועלן מוזן פירן א מלחמה מיט די פלשתים, און ער האט געטראכט דאס פאלק קאן באשליסן צוריק צו קערן קיין מצרים. איך די נביאים האבן געהאלטן אז דער אלמעכטיקער האט באגרעניצט זיין אייגענעם פאראויסוויסן, ווען דער נביא שמואל איז באפוילן געווארן, ער זאל זאלבן דוד בן ישי פאר א מלך, האט ער געזאגט — „איך אלך ושמע שאול והרגני": ווי קאן איך גיין דאס טוען? אז שאול וועט הערן וועט ער מיך הרגנען. (שמואל־א. ט"ז) און דאס זעלבע ווייזט זיך ארויס פון די כתובים, ווי עס איז צו זען פון דער ווייטער ציטירטער משנה. די משנה האט אנגענומען אז אין ראש השנה גיין אלע, וואס געפינען זיך אויף די וועלט, פארביי דעם אלמעכטיקן אין רייען ווי סאלדאטן אדער אין שרענגעס ווי שאף. דאס הייסט: עס ווערט ניט באטראכט יעדער מענטש באזונדער, נאר אלע מענטשנקינדער ווערן אין איין אייניציקן אויגנבליק אינספעקטירט. און די משנה באגרינדעט איר מיינונג, מיט דעם וואס דער תהלים פאעט האט געזאגט — „משמים הביט ד׳, ראה את כל בני אדם. ממכון שבתו השגיח אל כל יושבי תבל": פון הימל בליקט דער אלמעכטיקער, ער זעט די אלע מענטשנקינדער; פון זיין ווינארט קוקט ער צו יעדן איינוואוינער פון דער ערד. „היוצר יחד לבם המבין אל כל מעשיהם": דער וואס פארעמט אידענטיש זייערע הערצער, דער וואס באגרייפט יעדע פון זייערע מעשים. (תהלים ל"ג. ראש השנה פ"א מ"ב) ווי מען זעט האט די משנה אנגענומען די שיטה פון תהלים פאעט, אז דער אלמעכטיקער ווייס פאראויס ווי אזוי עס וועלן זיין די פארלאנגען און גלוסטונגען פון מענטש דעם גאנצן לעבן, ווייל ער האט געפארעמט אלע הערצער פון די מענטשנקינדער זאלן האבן דיזעלבע ווירקונג, און ער ווייס אויך פאראויס וואס דער רעזולטאט וועט זיין פון דעם מענטשנס קעגנווארטיקע מעשים. אמת דער אלמעכטיקער האט אויך געפארעמט אידענטיש אלע מוחות פון די מענטשנקינדער, אבער אזוי ווי ער זעלבסט איז א „כל יכל": ער קאן אלעס טוען וואס ער וויל ווייל ער האט א בחירה, אזוי האט ער געגעבן יעדן מענטש א בחירה. דעריבער איז יעדער מענטש פעיק צו אנאליזירן אלע מעשים, וואס דער אימפולס פון זיין הארץ שטויסט אים צו טוען, און באקעמפן די וואס געפעלן אים ניט.

דאס איז טאקי וואס די נבואה האט פארלאנגט אז דער נביא יחזקאל זאל דערקלערן צום פאלק ישראל. מחמת דאס פאלק ישראל האט אין דער צייט פון יחזקאל הנביא געגלייבט, אזוי ווי צדקות און רשעות זענען איינגעבוירענע אייגנשאפטן ביי די מענטשנקינדער האבן זיי ניט קיין בחירה, נאר דער וואס לעבט אויס זיינע יארן ערלעך און ארנטלעך איז א געבוירענער צדיק, און דער וואס שטארבט א שווינדלער און פארברעכער איז א געבוירענער רשע.



האט די נבואה אויפגעפאדערט דעם נביא יחזקאל, ער זאל איבערגעבן דעם פאלק ישראל אין נאמען פון אלמעכטיקן, אז יעדער מענטש איז בכח צו באצווינגען זיינע איינגעבוירענע אייגנשאפטן. די סיבה דערפאר איז, וואס דער אלמעכטיקער האט, לויטן תנ"כשן וועלט באנעם, איבערגעגעבן צו די מענטשנקינדער דיזעלבע מאכט און פרייהייט צו טוען, וואס ער זעלבסט באזיצט. זיי זאל באהערשן די נאטור געזעצן איינגעשלאסן זייער אייגנע נאטור אדער זייערע איינגעבוירענע אייגנשאפטן. די עמינענץ פון מענטש האט דער תהלים פאעט פארצייכענט אין דער ווייטער ציטירטער פאעמע — „מפי עוללים ויונקים יסדת עוז": מיטן פלאפלען פון יונגענקע און זויגנדיקע האסטו שוין באפעסטיקט דיין מאכט פון באשעפער. מיט דעם אליין ווערן פארשטומט דיינע באליידיקער, דיין פיינט, וואס פארלייקענט דיך, און ראכענעמער פאר דיין כבוד. אז ער זעט די הימלען, דאס ווערק פון דיינע פינגער, די לבנה און שטערן וואס דו האסט אויפגעשטעלט, פרעגט ער — וואס איז דער מענטש זאלסט אים געדענקן? און דער מענטשנזון דו זאלסט אים דערמאנען? ער זעט אבער ניט אז דו האסט דעם מענטש פארמינערט זער ווייניק פון אלמעכטיקייט, מיט ערע און שיינקייט האסטו אים באקרוינט. מאכסט אים געוועלטיקן איבער די ווערק פון דיינע הענט, אלצדינג האסטו געלייגט אונטער זיינע פיס; שאף, רינדער און אפילו חיות פון פעלד; דעם פויגל פון הימל און די פיש פון וואסער אלעס וואס באוועגט זיך אין די שטראמען פון ים... (תהלים ח׳) דעריבער, ווייל דעם מענטש איז געגעבן געווארן דער כח צו באהערשן די גאנצע נאטור, האט די נבואה געזאגט „צדקת הצדיק" און „רשעת הרשע", ניט „צדקת האיש" און „רשעת האיש", צו באטאנען אז אפילו רעכטפארטיקייט פון א געבוירענעם אדער פון אלמעכטיקן באשטימטן צדיק באשירמט אים ניט פון טוען רשעות. און די אומרעכטפארטיקייט פון א געבוירענעם רשע אדער פון אלמעכטיקן באשטימטן רשע שטערט אים ניט צו טוען צדקות. די פרייהייט און מאכט, וואס יעדער מענטש האט באקומען צו באהערשן די נאטור, איז זיין בחירה צו באקעמפן אפילו זיין אייגנע נאטור, זיינע איינגעבוירענע אייגנשאפטן און די בחירה איז דער יסוד אויף וועלכן די קאנצעפציע פון תשובה איז אויפגעבויעט.

שמואל ווהייט

## א תפילה

אַ צעבראכענער שטיי איך פאר דיר,
אין שעהן פון תפילה.
ווי וואַג איך צו בעטען?
פון לעבען אַ מידער — צעטרעטן
ווייס איך ניט ווי אנצוהויבן,
אלמעכטיגער שטארק מיין גלויבן.

אין דבקות מיניטען די שטילע,
באוועגען זיך ליפן מיט א תפילה,
ווען איך טאר אפילו ניט בעטען —
— — — — — — — — — — — — — — — —
זאל זיך דערטראגן מיין געבעט
צו דיינע שערי־רחמים,
איידער עס ווערט צו שפעט . . .

## היינט זיץ איך ביים ים

היינט זיץ איך ביים ים,
אין פארנעם דעם ריטמישען רויש,
פון ארײנשטרומיגע װעלען,
פארװעבט עס מיך אין א מניחדיגן געפיל.
די לויע־לופט פליסטערט חלומות,
װאס פלעכטן זיך צוזאמען
אין פארנטאסטישע דימיונות.
שװעב איך אויף פעגאזוס־פליגלען
אין הימלישע רוימען,
װו דאס ערדליכע צערינט,
באַד איך מיך אין אַ ים
פון גינגאלדענע טרוימען . . .

## יהודה ביעטש

## א „סמעשינג טיים“ אדער אלויפעניש צום ים

מאריס לעבמאנס יונג, קליין װײבעלע, װעמען מען האט גערופן „די װילדע לינדא“, האט קיין שום זאך נישט אזוי פינקטלעך אפגעהיטן װי דאס פארן אויף װיק־ענדס, איבער שבת, צום ים אין די זומער־חדשים און אויף איניקע װאכן „האלידעיס“ אװדאי און אװדאי. װי נאר די ערשטע פרילינג־שטראלן האבן א שמייכל געטון צו דער ערד, װי נאר די זונען־פראכט האט א בלענד געגעבן אויף די שויבן פון איר שטוב, איז דער איינציקער געדאנק אירער געװען צו מאכן די נויטיקע הכנות ארויסצופארן צום ים אויף א װיק־ענד. קודם־כל האט זי איבערגעקוקט אירע זומער־קליידער, אז זיי זאלן זיין צוגעפאסט צו דער נייער מאדע און ס׳איז איבריק צו זאגן, אז דאס יאר האט זי געמוזט קירצן אירע מלבושים, כדי צו זיין גרייט אויף אלע געלעגנהייטן, װאס זאלן זיך נישט מאכן, װי אויספלוגן, עקסקורסיעס, פארטיס און װיזיטן.

יונג נאך און פריש, שיין װי א לעבעדיקע בלום, איז לינדא ערשט געװען א פאר יאר נאך איר חתונה, אבער עפעס א מין אידעלער טרויער האט ארויסגעקוקט פון אירע טיף־ברוינע מאנדלארטיקע אויגן; עפעס האט איר געפעלט צום גליק, כאטש איר געשטעל און האלטונג האבן ארויסגעװיזן לעבהאפטיקייט.



זי האט געהאט א בחנטע פיגור, הגם נידעריק אין װאוקס, מיט קאשטאן־קאלירטע האר, פארקעמט אין א „שיניאן“.

איר אומרו און װילדקייט זענען באשטאנען אין א נישט קענען לאנג איינזיצן אויף איין ארט. כסדר איז זי געלאפן פון איין ארט אויף א צװייטן, אפט געביטן די מקומות װאו צו פארן אין די „סי־סיידס“. דאס פלעגט לינדא טון מיט א כיװון, כדי צו האבן װאס צו דערציילן אירע פריינדינס און באקאנטע פון דעם „סמעשינג טיים“, די אויסערגעװײנלעכע פארװײלונג, װאס זי האט געהאט און צו װײזן אין דער זעלבער צייט מיט א מין התפעלות אשר אין לספר די פאטאגראפיעס, װעלכע זיי האבן געמאכט אויף די פארשיידענע ערטער, װאו זיי זענען איינגעשטאנען. באזונדערס פלעגט זי זיך אפשטעלן אויף דער לאנדשאפט פון יעדן ארט און אויף די פאזעס, אין װעלכע מאריס, אן איר װיסן, האט זי אזוי איינדרוקספול אויפגעכאפט.

לינדא האט מיט א באזונדערן נייגיר זיך איינגעקוקט אינם נייעם שפיגל, דערזעען, אז זי איז נאך „אלרייט“. א טיף־נחתדיקער שמייכל האט זיך צעגאסן איר אויפן פנים, שאפנדיק דעם איינדרוק װי אלץ אין איר און אויף איר קװעלט אן פון גליק; װאס זי איז געבענטשט געװארן צו זיין א שיין װײבל. ס׳האט איר א הנאה געטון צו זיין דא אויף דער װעלט, װאס מען קוקט אויף איר, ספעציעל װען מענערישע אויגן קוקן אויף איר. זי איז אבער געשטראפט געװארן מיט דער מורא פאר אן עין־הרע, װאס דערפון ליידן די מערסטע פרויען און שרעקן זיך זייער שטארק. לינדא האט תמיד דעריבער געטראגן דריי שנירלעך רויטע קרעלן ארום איר װייס־רויזלעכן האלז. די קרעלן זענען אגב א סגולה אויך פאר אסך אנדערע זאכן . . .

מאריס לעבמאן איז געװען דער היפוך פון זיין װײבל: א הויך־געװיקסיקער מאנסביל, מיט א רויט עפלארטיק פנים, א פריילעכער, װאס האט קיינמאל נישט געקוקט אויף צוריק. זיין מאמא איז געװען צו זעצן, הערן און נעמען פונם בעסטן, װאס דאס לעבן קען געבן. פונקט װי לינדא. אזוי האט ער ליב געהאט באקאנטשאפטן, פארװײלונגען, ספעציעל טאנצן. איז עס דאך טאקע געװען אויף איינעם פון די לאנדאנער טאנץ־זאאלן, אז זיי האבן זיך באקענט.

בטבע איז מאריס געװען א מזג־טוב, סענטימענטאל און װייכהארציק, אבער פון צייט צו צייט פלעגט ער ארײנפאלן אין א מין מרה־שחורהדיקער שטימונג און ארויסװײזן א פארביסענע עקשנות, װאס לינדא האט נישט געקענט פארשטיין, ביים ארויספארן צום ים, למשל, האט געקאנט אויסברעכן א ברוגז צװישן זיי, אויב זי האט געװאלט, אז ער זאל מיטנעמען א װארים מלבוש, װייל מ׳קען קיינמאל נישט זיין זיכער מיטן װעטער. אמת, אסך מאל אין א זונטאג אין דער פרי איז דאס װעטער געװען שיין, װארים און די זון האט געשיינט, באגיסנדיק יעדן איינעם מיט א פריילעכער צופרידנקייט, אבער נאכן אפפארן איניקע מייל פון דעם היים האט עס פלוצלונג אנגעהויבן צו רעגענען, א קאלטער װינט האט זיך צעבלאזן, אלע זענען געװארן דורכגענעצט און מאריס, מער װי אלע, האט געציטערט פון קעלט . . . נאר איר להכעיס האט ער קיינמאל נישט נאכגעגעבן!

אבער דער לעבעדיקער און פריילעכער מאריס האט נישט געקענט לאנג בלייבן טרויעריק. זיין נאטור איז דאך געווען זיך צו קלינגלען, זיך צו מאכן פאפולער מיט צווידייטיקע וויצן, פון וועלכע ער פלעגט אליין לאכן, אנטפלעקנדיק זיינע פון פאפיראסן־רויך פארגעלטע ציין, מיט דעם גאלדענעם צאן, וואס בשעתן לאכן האט געבלישטשעט מיט א באזונדערן חן.

דאס יאר האבן די מאריסעס באשלאסן נישט צו פארברענגען זייערע „האלידעיס" אויף איין באשטימט ארט ביים ים, נאר יעדן צווייטן אדער דריטן טאג צו זיין ערגעץ אנדערש־וואו. האבן זיך אנגעשלאסן אין א גרופע „פריינדשיפ־קלאב" און געפארן מיט זיי אין א מאטארקאטש פון בריטאן־האטעל, וואו מען איז איינגעשטאנען א טאג מיט א נאכט, קיין פאקסטאון אויף פאר טאג. ס'איז געווען דער ווארימסטער טאג אין חודש יוני.

אלע אזעלכע ארויספארן זענען פאר די מאריסעס געווען אן עת־חדווה, א צייט פון נאגנדיקע גלוסטונגען. מען ווארפט פון זיך אראפ די שטוב־זארגן פון א גאנצער וואך, דאס הארץ ציט צו אלץ, וואס איז שיין, יונג און פריילעך. בכדי מען זאל אים זען, הערן און זיך רעכענען מיט אים, פלעגט מאריס תמיד מיטנעמען זיין פאטאגראפיר־אפאראט. וואו נאר די מאטארקאטש האט זיך האלבוועגס אפגעשטעלט, געווענלעך ביי ביר־שענק, נאך דעם ווי דער עולם האט געמאכט א צוויי־דריי לחיימס, האט מאריס בגנבה גענומען אפאטאגראפירן די פרויען אין כלערליי קאמישע פאזעס, וואס האבן שפעטער תמיד געהאלפן אויסצוברעכן אין הילכיקע געלעכטערס. פאר לינדא איז דאס געווען זער וויכטיק, ווייל אזוי ארום האט זי געהאט שטאף פאר אירע באקאנטע צו דערציילן פון דעם „סמעשינג־טיים", וואס זי האט געהאט.

אין פאקסטאון אין האטעל, וואו זיי זענען איינגעשטאנען, איז געווען א מעלדונג, אז צומארגנס אין דער פרי האלב אכט אזייגער גייט אפ א שיף מיט אן עקסקורסיע קיין דיעפ אין פראנקרייך. נאטירלעך, האבן די מאריסעס באשלאסן צו זיין פון די ערשטע מיטצופארן.

דעם אוונט, באלד נאך „דינער", האט דער עולם זיך געלאזט וואוילגיין. מען האט אסך געטרונקען און געטאנצט ביז מען איז געווארן שטארק איפגערוימט. מאריס, אין זיין פריילעכער שטימונג, האט גענומען זיך קלינגלען, ווידער דערציילן צווידייטיקע וויצן. מען האט געלאכט און געזונגען „הי איז א דזשאלי גוד פעלאו!". באלד האט ווער גענומען קלאפן אויף דער פיאנא און דער עולם האט זיך א לאז געטון אין א קאראהאד, האלטנדיק זיך פאר די הענט, שפרינגענדיק איינס אקעגן דעם אנדערן און זינגענדיק בקול רם:

„א, האקי־קאקי, א, האקי־קאקי!
מיטן לינקן פוס אריין, מיטן רעכטן פוס ארויס,
דריי זיך אביסל ארום און שאקל זיך אויס,
א, האקי־קאקי, א, האקי־קאקי!"

לאנג אבער האט מאריס קיין שום זאך נישט געקענט פארטראגן. ער האט געגעבן א טאנץ אריין אינמיטן קרייז און גענומען האצקען אקעגן אן אלטער,



האלב־שיכורער גויה מיט קרומע פיס, שרייענדיק, „ניס, אפ, מאטהער בראון, ניס אפ, מאטהער בראון!" דער עולם איז געווארן מיטגעריסן, און מיט היזעריקע קולות האט מען גענומען געוואלדעווען:

— פריילעכער! לעבעדיקער!

מען האט געפאטשט מיט די הענט און נאך העכער געשריגן:

— פריילעכער! לעבעדיקער! ניס אפ, מאטהער בראון! — ביז א שטיק אין דער נאכט אריין.

דער געדאנק, אז מארגן אין דער פרי פארן זיי מיט דער שיף קיין דיעפ, האט פאר לינדאן אויסגעלויכטן מיט א ליכטיקייט פון גליק, וואס לאזט נישט לאנג טראכטן און האלט אייך אין כסדרדיקער שיכרות, וואס מאכט אייך פארגעסן וואו מען האלט אין דער וועלט . . . איר נייגיר צו זען נייע מקומות און מאכן פרישע באקאנטשאפטן איז געווען גאר גרויס. איצט וועט זי דאך ערשט האבן וואס אויסצודערציילן, אייגנס און אויסגעטראכטס. מיט א לייכט געמיט און מיט א גליקלעך שמייכעלע אויף אירע רויט־געפארבטע ליפן איז זי איינגעשלאפן.

פריילעך און פון דערוווארטונג איז זי גאנץ פרי אויפגעשטאנען, כדי, ווי תמיד, צו זיין פון די ערשטע אויף דער שיף. זי האט זיך געשטעלט ביים פארענטש פון דער דאזיקער שיף, אנשפארענדיק אירע קיילעכדיקע בריסטן, האט זיך אריבערגעבויגן און געפאכעט מיט איר ווייס טיכל ביז אלע מענטשלעכע געשטאלטן און די לאנדשאפט זענען אינגאנצן פארשוואונדן פון אירע אויגן. איר גרעסטער תענוג איז געווען צו פילן דעם קילן ים־ווינט, ווי ער שפילט זיך שטיפעריש מיט אירע קאשטאן־קאלירטע האר.

אין דיעפ האט שוין אויף דער שיף געווארט דער „גייד", דער וועג־ווייזער. קודם האט מען זיי גענומען אין א רעסטאראן אריין עפעס איבערצובייסן און, ווי דער שטייגער איז, צו מאכן א פאר לחיימס. דערנאך האט מען זיי געוויזן וויכטיקע ערטער אין שטאט, דאס מוזעאום, פארשיידענע גארטנס, דעם שטאטטישן פארק און ועל כולם די קירכע מיטן צמענטאוש הינטער דער קירכע, וואו אסך סאלדאטן פון די צוויי וועלט־מלחמות האבן געפונען זייער אייביקע רו.

צוליב זיין סענטימענטאלקייט און ווייכהארציקייט, האט מאריס, מער ווי די אנדערע, זיך גענומען פאראינטערעסירן מיט די אויפשריפטן אויף געוויסע מצבות, וועלכע זענען אים פארגעקומען מערקווירדיק. אויף איין מצבה, למשל, האט ער געלייענט: „דאס איז א ברידער־קבר פון יונגעלייט, וועלכע זענען געפאלן אין דער גרויסער וועלט־מלחמה, אז מער אזעלכע מלחמות זאלן שוין נישט פארקומען". אויף אן אנדערער מצבה האט ער געלייענט: „שלום אויף אייביק!" ווייטער אביסל איז אויף א מצבה געווען אויסגעקריצט: „העלדישקייט וועט נישט בלייבן אומבאמערקט".

צוריקגעקומען אויף דער שיף ארויף, האט שוין די זון, ווי א שטיק פייער, זיך געהאלטן אין זעצן אין מערב, שפיזנדיק רויט־פלאמענדיקע שטראלן

דורך די נעפלדיקע וואלקנס, און דאס אלץ האט, ווי מיט פאסן פון רעגנבויגן־קאלירן, זיך אפגעשפיגלט אין גרין־גרוי געווארענעם ים וואסער. דערצו איז דער פארנאכט געווען א קילער, כמעט אן אלולדיקער. ערשט שפעט אין אוונט און מיד פון דער געשפאנטקייט פון טאג זענען זיי אנגעקומען צוריק אין האטעל ארײן אין פאקסטאון.

מאריס האט די גאנצע נאכט נישט געקענט איינשלאפן. די מערקווירדיקע אויפשריפטן אויף יענע מצבות האבן אים געהאלטן וואך, געצופט אים ביים געוויסן ווי א שווארצער קאשמאר. ער האט זיך האסטיק אויפגעזעצט און, ווי אין א חלום, געקוקט אויף דער סטעליע, נישט געפילט ווי טרערן קייקלען זיך אים אראפ אויף די באקן. מיט א שווער הארץ און פארביטערט, האט ער זיך אפגערופן צו זיין ווייב.

— ווייסט, לינדא, איך פיל, אז דער וויזיט ביי דער קירכע און דעם צמענטאזש האט מיר אינגאנצן רואינירט מיין האלידעי. אזויפיל יונגע לעבנס האט מען אומגעברענגט, און וואס ? דאס זעלבע מלחמה־שווערדל פאכעט שוין איצט ווידער איבערן קאפ פון דער מענטשהייט און מיט נאך מער מורא ווי פריער אין דער מענטשלעכער געשיכטע !

לינדא האט זיך כמעט ווי נישט צוגעהערט צו זיינע רייד. נאר זעענדיק אים זיצן שטארק פארטראכט און דערשלאגן, האט זי אים געגומען אויסרעדן.

— ניין, ס'איז נישט כדאי זיך צו ערגערן. מיר זענען דאך דעמאלט נאך געווען קליינע קינדער ווען דאס גרויסע אומגליק האט אויסגעבראכן. ס'איז דאך נישט אונזער שולד.

עפעס א מאדנע קרום שמייכעלע האט זיך באוויזן אויף זיין עפלארטיק פנים. ס'האט אויסגעזעען ווי ער וויל איר נישט ווייטאן מיט זיינע געפילן און נישט שטערן אירע בילדער פון דער האלידעי. פונדעסטוועגן, האט ער ביי זיך געטראכט, איז יא כדאי צו געדענקען.

מאריס האט א טיפן זיפץ געטון ; וואס איז געווען חוץ לדרך זיין טבע. אבער דערפילנדיק דעם ווייכן בליק פון לינדאס טיפע מאנדלארטיקע אויגן און די פריידיקע באוועגונגען פון איר געשטאלט, האט ער, נישט ווילנדיק, צוגעגעבן, אז ר'איז אויך געקומען צום זעלבן אויספיר. נאך אלעמען, זענען זיי דאך טאקע אין יענער שווערער צייט נאך געווען קליינע קינדער. ס'איז נישט זייער שולד.

מיט א פאכע פון דער האנט, ווי צו פארטרייבן א זלידנע פליג, האט ער צו איר געזאגט.

— יא, מיר האבן זיך נישט וואס צו באקלאגן. מיר האבן געהאט א „סמעשינג־טיים". ווי זאגסטו, הא ? מיר האבן געהאט א „סמעשינג־טיים" . . .

---


**„די אידישע שטימע"**

**די איינציקע וואכנצייטונג אין דער אידישער שפראך אין דעם לאנד.**

THE JEWISH VOICE LTD.

11-13 NEW ROAD, LONDON, E.1. Phone: BIS. 9804




## עלע זילבערג

### זומער פייגעלעך

זומער פייגעלעך אין וואלד
ווי בלעטעלעך פון רויזן,
רויטע, געלינקע און ווייס
טאנצן זיי צולאזן.

שוועבן לייכט זיי אין דער לופט,
צארט דאס גראז באַרירן,
זעצן זיי זיך אויף מיין האנט,
קוים איך קען עס שפירן.

מקנא בין איך אייך,
פייגעלעך איר קליינע,

לעבן שטענדיק דא אין פעלד,
אומשולדיקע ריינע.

וואלט איך וועלן דא מיט אייך,
אייביק שוין פארבלייבן,
שפינען זיך מיט אייך אין טאנץ,
האניג טראפענס קלייבן.

ווען פארשווינדן ס'ווערט די זון,
דאס פעלד זיך געל פערפארבן,
דאן צוזאמען אין דער קעלט,
טאנצענדיק אפשטארבן.

## עמילי צוקינסאן

ידיש יהושיע רווין גערוידמעט עלע זילבערג

### נישט אומזיסט

אייב איך קאן נאר איין האַרץ פאַרהיטן ניט צעבראָכן ווערן,
האָב איך נישט אומזיסט געלעבט ;
אייב איך קאָן פון איין לעבן נאָר פאַרגרינגערן דעם ווייטעק
און אָפקילן דעם פיין,
אייב איך קאָן א שטארבנדיקן שפּאַרבער
העלפן אין זיין נעסט צוריק אריין,
האב איך נישט אומזיסט געלעבט.

## וויליאם מאגיגן

### די שטאט פון די מזיקים

אמאל אין די אלטע צייטן האט אין דער בליענדיקער שטאט קאאירא געלעבט א געוויסער ר' יוחנן, וועלכער איז געווען דער גרעסטער תלמיד־חכם ביי יידן. דער שם זיינער איז געגאנגען איבערן גאנצן מזרח, און פון די ווייטסטע מקומות האט מען געשיקט בחורים צו לערנען תורה פון זיין מויל. ער איז געווען בקי און א חריף אין הלכה און אגדה, און זיין ווארט פלעגט תמיד מכריע זיין אין א שקלא וטריא. ער איז געווען זער פרום, ערלעך, איינגעהאלטן און א מחמיר ; נאר איין חסרון האט ער געהאט — א ליבשאפט צו געלד האט אים גובר געווען דאס הארץ. און ער האט קיינמאל נישט געעפנט די האנט צו ארימעלייט. הגם ר'איז געווען א גרויסער עושר, וואס די חכמה זיינע האט אים געדינט ווי א מקור צו עשירות. יידן אין שטאט האבן זער באַרויערט דעם דאזיקן פלעק אויף דעם גרעסטן חכם פון זייער עדה. עס האט

זיי אבער נישט געשטארט ווייטער אים צוצוטיילן כבוד פאר זיין שם, אחוץ וואס ווייבער און קינדער אין קאאירא האבן אים נישט גערופן ביי קיין אנדערן נאמען ווי נאר ר׳ יוחנן דער קמצן.

קיין אנדערער האט זיך נישט אזוי אויסגעקענט אין די צערעמאניעס פון אריינברענגען קינדער בבריתו של אברהם ווי ער; און דערפאר טאקע איז אויך דאס עוסק זיין אין די זאכן געווען פאר אים נאך א קוואל פון געווין. א געוויסן טאג, שפאצירנדיק אזוי מיט א בחור פארביי די פעלדער ארום קאאירא, פארטיפט אין מפרש זיין א דבר תורה, האט דער מלאך־המות פלוצלינג א שלאג געטון דעם בחור, און ער איז אנידערגעפאלן טויט פאר די פיס פונם רב בעת ער האט נאך געהאלטן אין רעדן. ווען דער רב האט איינגעזעען, אז דער בחור איז טויט, האט ער זיך קריעה געריסן און געזאגט ברוך דיין אמת. טראכטנדיק אזוי איבערן ביטערן מצב פון די ארימע און אומגליקלעכע, איז עס אים געווארן שווער אויף דער נשמה, און ער האט געזאגט: „יהי שם ה׳ מבורך! די סאמע ערשטע טובה, וואס מען וועט ביי מיר בעטן אין דעם הייליקן נאמען, וועל איך טון“; דערביי האט ער אבער אונטערגעזיפצט, מורא האבנדיק טאמער וועט עמיצער בעטן ביי אים א חלק פון זיין געלד. בשעת ער איז נאך געווען פארטיפט אין די דאזיקע מחשבות האט זיך דערהערט א הויך קול ביי זיין טיר.

— שטיי אויף דו, וואס שלאפסט! — האט דאס קול געשריגן, — וואך אויף! א קינד איז אין סכנת־נפשות, און די מאמע האט מיך געשיקט נאך אייך, אז איר זאלט קומען און אים טון זיין רעכט.

— די נאכט איז פינסטער און טריב, — האט דער רב געזאגט, צוגייענדיק צום פענסטער, — און איך בין דאך אן אלטער מאן! געפינען זיך דען נישט יונגערע פון מיר אין קאאירא?

— בלויז נאך אייך האט מען מיך געשיקט, ר׳ יוחנן, וועמען א טייל האלטן פאר א תלמיד־חכם און א טייל האלטן פאר א קמצן. אט האט איר געלד, — האט ער געזאגט, אויסשטרעקנדיק א בייטל מיטמטבעות, — איך פארלאנג נישט אייער טרחא בחינם. אין נאמען פון לעבעדיקן גאט, קומט!

אזוי איז דעם רב געקומען אויף דער מחשבה דער נדר, וואס ער האט ערשט נישט לאנג געמאכט, און האט א זיפץ געטון, ווייל ס׳האט אויסגעזעען א שווערער בייטל.

— היות דו האסט מיך באשווארן ביים הייליקן נאמען, גיי איך מיט דיר, — האט ער געזאגט דעם מאן, — נאר האפנטלעך איז עס נישט קיין ווייטער שטח. באהאלט דיין געלד.

— דאס מקום איז גאנץ נאענט, — האט דערקלערט דער פרעמדער, וועלכער איז געווען א שיינער יונגערמאן, רייך געקליידט. — איילט אייך, ווייל די צייט איז קורץ.

ר׳ יוחנן האט זיך אויפגעהויבן, זיך אנגעטון די מלבושים, און באגלייט דעם פרעמדן, נאכן פארזיכטיק פארשליסן אלע טירן ביי זיך אין הויז און



אוועקלייגן די שליסלען אויף א באהאלטן ארט — דערביי האט דער פרעמדער געשמייכלט.

— איך קען מיך נישט דערמאנען אזא פינסטערע נאכט, — האט דער רב באמערקט. — זיי זשע דו מיין וועגווייזער, ווייל איך קען קוים זען דעם וועג.

— איך קען דעם וועג זער גוט, — האט דער פרעמדער געענטפערט מיט א זיפץ. — פון שעה צו שעה גייען דא אויף דעם וועג פיל מענטשן, אויף רייזנדער אסך; לענט אייך אן אויף מיין ארעם, און שרעקט אייך נישט. זיי זענען זיך ווייטער געגאנגען; און כאטש די חשכה איז געווען גאר גרויס, האט דער רב געקענט זעען ווען ס׳איז אביסל העלער געווארן,, אז ער געפינט זיך אויף עפעס אן אומבאקאנט ארט. — כ׳האב געמיינט, — האט ער געזאגט, — אז איך קען די געגנט אויף מיילן ארום קאאירא, דאך ווייס איך נישט וואו כ׳געפין מיך. האפנטלעך, יונגערמאן, האסטו נישט פארבלאנדזשעט, — האט ער געזאגט צו זיין באגלייטער; און עפעס א חשד האט אויפגעוואכט ביי אים אין הארץ

— האט נישט קיין מורא, — האט דער פרעמדער געענטפערט. — אייער נסיעה איז כמעט שוין פארענדיקט. — און בעת ער האט אזוי גערעדט, האבן זיך די פיס אויסגעגליטשט אונטערן רב, און ער האט זיך אראפגעקאלערט פון א גרויסער משופעדיקייט. געקומען צו זיך, האט ער דערזעען, אז זיין באגלייטער איז אויך אראפגעפאלן און שטייט איצט ביי זיין זייט.

— יונגערמאן, זאלסט וויסן זיין, אז טאמער שפילסטו דיך מיט די גראע האר פון א זקן, זענען דיינע טעג געציילטע. אז ווי איז צו יענעם, וועלכער איז מבזה א גרייז־גראען קאפף — דער פרעמדער האט זיך אנטשולדיקט, און זיי זענען געגאנגען אביסל ווייטער און געשוויגן. ביסלעכווייז איז עס געווארן העלער, און דער רב, א דערשטוינטער, האט אויפהייבנדיק די אויגן דערזעען, אז זיי זענען אנגעקומען צו די טויערן פון א שטאט, וועלכע ער האט פריער נאך קיינמאל נישט געזעען. האט ער דאך געקאנט אלע שטעט פון לאנד מצרים, און דאס איז בלויז א האלבע שעה גאנג פון זיין הויז אין קאאירא. ר׳האט נישט געוואוסט וואס צו טראכטן, נאר איז יענעם נאכגעגאנגען מיט פחד.

באלד זענען זיי אריינגעגאנגען דורך די טויערן אין שטאט אריין, וואו אלץ איז געווען באלויכטן ווי אויף א שמחה אין יעדן הויז. די גאסן זענען געווען פול פון טיילנעמער אין לוסטיקייטן, און אחוץ א קול פון שמחה האט מען גארנישט געהערט. נאר ווען ר׳ יוחנן האט א קוק געטון אויף זייערע פנימער, זענען עס געווען פנימער פון מענטשן אינערלעך געפייניקטע; און פון די סימנים איז עס אים קלאר געווארן, אז זיי זענען מזיקים. א שרעק האט אים אנגעכאפט ביי דער נשמה; און ווען ביים ליכט פון די פאקלען ער האט געכאפט א בליק אויפן פנים פון זיין באגלייטער האט ער דערזעען אויך אויף אים דעם סימן פון א מזיק! דעם רבס פחד האט געהאלטן אין שטייגן אזש ביז צו חלשן; נאר ס׳איז בעסער צו שווייגן, האט ער זיך געטראכט, און האט נאכגעפאלגט זיין וועגווייזער, וועלכער האט אים געברענגט צו א פרעכטיק הויז, אין סאמע רייכסטן חלק פון דער שטאט.

— גייט דא אריין, — האט דער שד געזאגט צו ר׳ יוחנן, — עס איז מיין הויז. די פרוי און דאס קינד געפינען זיך אין אן אויבערשטוב. — דער רב האט געפאלגט און איז טרויעריק ארויפגעגאנגען די טרעפ צו זיי.

די פרוי, וועמעס בלענדנדיקע שיינקייט איז געווען איינגעהילט אין א האפנונגסלאזער מרה־שחורה, איז געלעגן אין בעט; דאס קינד, אין טייערע וויקעלעך, איז געשלאפן ביי אן אם אויף דער שויס נעבן איר.

— שיין פון מיינע אויגן, — האט דער מזיק א זאג געטון, — רבקהלע, געליבטע פון מיין נשמה, כ׳האב דיר געברענגט דעם רבין ר׳ יוחנן, דעם תלמיד־חכם, וועלכן די האסט באגערט. לאז זשע אים גיך טון וואס ר׳ האט צו טון, ווייל ער אײַלט זיך אוועקצוגיין.

ביי אט די ווערטער האט ער ביטער געשמייכלט, קוקנדיק אויפן רב; און האט פארלאזט דאס צימער, נאכגעפאלגט פון דער אם.

ווען ר׳ יוחנן און די פרוי זענען געבליבן אליין, האט זי זיך אויסגעדרייט אין בעט צו אים און געזאגט: — אומגליקלעכער מענטש וואס איר זענט, ווייסט איר כאטש וואוהין מען האט אייך געברענגט?

— יא, איך ווייס, — האט ער געענטפערט, מיט א טיפן זיפץ. — כ׳ווייס, אז איך געפין מיך אין א שטאט פון די מזיקים.

— זאלט איר זשע ווייטער וויסן, — האט זי געזאגט, און טרערן זענען איר געפלאסן פון אויגן שענער ווי דיאמאנטן, — זאלט איר זשע ווייטער וויסן, אז קיין אחד האט מען נישט אהערגעברענגט סיידן ער האט זיך פארזינדיקט ביי גאט. וואס מיין חטא איז געווען איז נישט וויכטיק פאר אייך, און איך וויל נישט וויסן וואס אייער זינד איז. אבער איר וועט שוין דא פארבלייבן אויף אייביק — פארלוירן, פונקט ווי איך בין פארלוירן. און זי האט זיך ווידער צעוויינט. דער רב האט א ווארף געטון דעם טורבאן זײַנעם צו דער ערד, און רייסנדיק זיך די האר פון קאפ, האט ער געהאלטן אין איין שרייען: — ווי איז צו מיר! ווער ביסטו, אשה, וואס רעדסט אזוי צו מיר?

איך בין א יידישע פרוי, — האט זי געזאגט, — די טאכטער פון א מורה־הוראה אין דער שטאט באגדאד; און נאך דעם ווי מ׳האט מיך אהער־געברענגט, עס מאכט נישט אויס וויאזוי, האב איך חתונה געהאט מיט א שר פון די מזיקים, טאקע מיט יענעם, וואס מ׳האט אים געשיקט נאך אייך. און דאס קינד, וואס איר האט געזען, איז אונזער בכור, און איך האב נישט געקענט פארטראגן דעם געדאנק, אז די נשמה פון דעם אומשולדיקן עופהלע זאל גיין פארלוירן. דעריבער האב איך געבעטן מיין מאן זיך צו באמיען אהערצוברענגען א מוהל כדי מקיים צו זיין די הייליקע מצווה ווי עס שטייט געשריבן אין תורת משה; און אייער שם, וואס איז דערגאנגען אזש ביז באגדאד און אנדערע לענדער אויפן מזרח, האט מיך באוואויגן צו טראכטן פון אייך. און מיין מאן, כאטש ער איז א גדול צווישן די מזיקים, איז ער אבער מער יושרדיק ווי די אנדערע שדים; און ר׳ האט מיך ליב, וועמען ער האט הרוב געמאכט, מיט א פארצווייפלטער ליבשאפט. אזוי האט ער מיר דאס געזאגט, אז דער נאמען פון ר׳ יוחנן דעם תלמיד־



חכם איז אים באקאנט, און אז איר וועט נישט זיין ביכולת אים אפצוזאגן. וואס זשע איר האט געטון, אז ער זאל האבן א שליטה איבער אייך, קען נאר זיין באקאנט צו אייך אליין.

— כ׳שווער פאר גאט אין הימל, — האט דער רב געענטפערט, — אז איך האט תמיד בהתמדה מקיים געווען תורת־משה, און געוואנדלט מיט שטאנד־האפטיקייט אין די וועגן פון אונזערע אבות פון מיין יוגנט אן. כ׳האב קיינעם נישט געטון קיין עוולה אין ווארט אדער בפועל־ממש, און האב יומם ולילה געדינט הקדוש ברוך הוא; מדקדק געווען אין אלע הינזיכטן כחוט השערה.

— ס׳קען זיין, אז איר האט אלץ טאקע אזוי אפגעהיטן, און אפשר נאך מער, אוז דאך האבן די מזיקים א שליטה אויף אייך. אבער די צייט פארגייט, ווייל כ׳הער שוין די טריט פון מיין מאן אויף די טרעפ. איר האט בלויז איין שאנס ניצול צו ווערן.

— וואס איז עס, דו אשת יפת־תואר? — האט געפרעגט דער רב אין אימת־מות.

— עסט גארנישט, טרינקט גארנישט, און נעמט נישט אן קיין שום שכר כל־זמן איר געפינט אייך דא; און אזוי לאנג ווי איר קענט אזוי טון, וועלן די מזיקים נישט האבן קיין שום כוח איבער אייך. טויט אדער לעבעדיק, שטארקט אייך, און האלט אויס.

ווי זי האט אויפגעהערט צו רעדן, איז דער מאן אירער אריינגעקומען אין צימער אריין, באגלייט פון דער אם, וועלכע האט געטראגן אלע נויטיקע חפצים פארן רב צו טון זיין עבודה. מיט א שווער הארץ האט ער אויסגעפירט זיין חוב, און דאס קינד איז פאררעכנט געווארן אין דער יידישער אמונה. נאר ווי דער שטייגער איז ביים סוף פון א ברית־מילה, ווען מען דערלאנגט ווייך אפאר טראפנס דעם קינד און דער מוטער טועם צו זיין און דעם רב, האט ער נישט געוואלט טרינקען, זאגנדיק.

— זייט מיר מוחל, מיין האר, ווייל איך האב א נדר געטון צו פאסטן דעם היינטיקן טאג; איך וועל דעריבער נישט עסן און נישט טרינקען.

— טוט ווי אייך געפעלט, — האט דער מזיק געזאגט; — איך פארלאנג נישט, אז צוליב מיר זאלט איר עובר זיין אויף אייער נדר: און האט זיך הויך צעלאכט.

און אזוי האט מען אריינגעפירט דעם רב אין א צימער אריין, מיט א פענסטער צום גארטן, וואו ר׳ האט פארברענגט דעם איבריקן חלק פון דער נאכט און דעם נעכסטן טאג אין געוויין און אין תפילות צו גאט, אז ער זאל אים מציל זיין פון דער שטאט פון די מזיקים. אבער ווען די צוועלפטע שעה איז געקומען, און די זון האט זיך געזעצט, האט דער שר פון די מזיקים זיך ווידער באוויזן פאר אים און געזאגט:

— עסט איצט, איך בעט אייך, ווייל דער טאג פון אייער נדר איז פארביי.
— און האט אים געגרייט מאכלים צום טיש.

— זייט מוחל אייער קנעכט, מיין האר, — האט ר׳ יוחנן געזאגט, — אין

דער זאך. כ׳האב געמאכט א צווייטן נדר אויך אויף דעם טאג, כ׳בעט אייך נישט צו זיין צארניק מיט אייער קנעכט.

— איך בין נישט צארניק, — האט דער מזיק געזאגט. — זאל זיין ווי איך געפעלט, איך שאץ אפ אייער נדר. — און האט זיך נאך העכער צעלאכט.

אזוי האט דער רב פארברענגט נאך א טאג אין זיין צימער ביים גארטן, וויינענדיק און תפילה־טוענדיק. און ווען די זון איז פארגאנגען הינטער די בערג האט דער שר פון די מזיקים זיך ווידער אוועקגעשטעלט פאר אים, און געזאגט:

— עסט איצט, ווייל איר מוזט שוין זיין זער הונגעריק. איר האט געטון א ביטערן נדר. — און האט אים אנגעבאטן נאך באטעמטערע מאכלים.

און ר׳ יוחנן האט געפילט א שטארקן חשק צו עסן, אבער אינערלעך האט ער מתפלל געווען צו גאט. און די לאקונג האט זיך פון אים אפגעטון, און ר׳האט געענטפערט:

— זייט מוחל אייער קנעכט צום דריטן מאל, מיין האר. וואס איך עס נישט, כ׳האב אויפסניי געמאכט א נדר.

— זאל זיין אזוי, — האט יענער געזאגט. — שטייט אויף און קומט מיט מיר.

דער מזיק האט גענומען א פאקל אין דער האנט, און געפירט דעם רב דורך שלענגלדיקע קארידארן פון זיין פאלאץ צו דער טיר פון אן איבער־שטוב, וועלכע ר׳האט אויפגעעפנט מיט א שליסל וואס איז געהאנגען אין א נישע אין דער וואנט. אריינגייענדיק אין דער שטוב, האט ר׳ יוחנן דערזעען, אז זי איז אויסגעהעמערט פון זילבער, דער דיל, דער באלקן, די ווענט, אפילו די שוועל און די ביישטידלעך. און דער צירלעך געשניצטער דאך און די ברעגן פונם באלקן האבן געלויכטן אין פאקל־ליכט פונקט ווי זיי וואלטן געווען די פאנטאסטישע ארבעט פון פראסט. אינמיטן שטוב האבן זיך געפונען חמרים זילבערן געלט, אנגעשטאפט אין אזעלכע געוואלדיקע קעסלען פונם זעלביקן מעטאל ביז ארויף.

— רבי, איר האט מיר געטון א נוצלעכע זאך, — האט געזאגט דער מזיק. — נעמט זשע אייך דערפון וויפל אייך געפעלט; איר קענט אפילו האבן אל׳ץ וואס דא געפינט זיך.

— איך קען נישט, מיין האר, — האט געענטפערט ר׳ יוחנן. — איר האט מיך באשוואוירן אהערצוקומען אין גאטס נאמען; און אין אט דעם נאמען בין איך טאקע געקומען, אבער נישט פאר קיין לוין אדער שכר.

— קומט מיט מיר, — האט דער שר פון די מזיקים באפוילן; און ר׳ יוחנן האט אים נאכגעפאלגט אין א געהיימער קאמער אריין. די קאמער איז געווען פון גאלד, פונקט ווי יענע איז געווען פון זילבער. דער גאלדענער דאך האט זיך געשטיצט אויף זיילן רונדיקע און פיר־קאנטיקע פון גאלד, וואס זענען געשטאנען אויף א גאלדענעם דיל. די אוצרות פון די מלכים פון דער וועלט וואלטן נישט געקענט קויפן אפילו איינע פון די פיר און צוואנציק כלים אנגעפילטע מיט גאלדענע מטבעות וועלכע זענען געשטאנען אין שורות



פון זעקס איבערן צימער. נישט קיין חידוש, ווייל זיי זענען געווען אנגעפילט פון דער אומאויפהערלעכער ארבעט פון די מזיקים אין גאלד־גרובן. ר׳ יוחנן׳ס הארץ האט זיך געצויגן אין דער לענג און דער ברייט אויס תאוה צום געלט. זעענדיק עס אזוי גלאנצן אין געלבן ליכט, ווי די זון אין הארבסט, ווי די מטבעות האבן זיך אזוי אפגעשפיגלט אינם פלאם פון דער פאקל. אבער הקדוש ברוך הוא האט אים געגעבן כוח בייצושטיין דעם נסיון.

— דאס אל׳ץ איז דיין, — האט געזאגט דער מזיק. — בלויז איין כלי, וועלכע דו זעסט, וואלט דיך געמאכט פאר דעם רייכסטן מענטש צווישן די בני־אדם — און איך גיב זיי דיר אלע.

אבער ר׳ יוחנן האט ווידער זיך אפגעזאגט; און דער שר פון די מזיקים האט אויפגעעפנט א דריט צימער, וועלכעס ער האט גערופן דער זאאל פון די דיאמאנטן. ווען דער רב איז אריין האט ער אזש אויסגעשריגן הויך אויפן קול, און זיך פארשטעלט די אויגן מיט די הענט, ווייל דער גלאנץ פון די אײדלשטײנער האט אים געבלענדט, ווי ער וואלט געקוקט אויף דער זון אינמיטן העלן טאג. אויף וואזעס פון טייערע שטיינער זענען געלעגן קופעס דיאמאנטן נישט איבערצוציילן, וואס דער קלענסטער דיאמאנט איז געווען גרעסער ווי א טויבן־איי. אויף טישן פון אלאבאסטער זענען געלעגן אמעטיסטן, טאפאזן, רובינען, אקוואמארינען און כלערליי אנדערע טייערע שטיינער, צירלעך באארבעט פון קינסטלערס הענט, נישט צו דערשאצן. באלויכטן דאס צימער האט א גאר־פינקל, וואס פון איין עק פונם זאאל האט ער ארויסגעגעבן א כסדר לעבעדיק ליכט, העלער ווי די שטראלן אינמיטן טאג, נאר קילער ווי די זאנפטע שיין פון דער לבנה אין טוי. דאס איז שוין געווען א ביטערער נסיון פארן רב; אבער מען האט אים געהאלפן מן השמים, און ער האט ווידער אפגעזאגט.

— ר׳ יוחנן בן בן־דוד, איך זע, אז דו ווייסט ווער איך בין, — האט געזאגט דער שר פון די מזיקים. — יא, איך בין א מזיק, וואס וואלט דיך אויסגעפרואווט ביז צום נכשל ווערן. נאר אזוי ווי דו האסט איסגעהאלטן ביז אצונד, פרואוו איך דיך מער נישט אויס. דו האסט געטון א זאך, וואס הגם איך שעץ זי נישט, איז זי אבער אנגענומען אין די אויגן פון איר. וועמעס ליבשאפט איז מיר טייערער ווי דאס ליכט פון לעבן. יא, טרויעריק איז אט די ליבשאפט געווען פאר דיר, מיין רבקה, פארוואס זשע זאל איך טון עפעס, וואס וואלט דיין אומהיילבארע עצבות געמאכט נאך טרויעריקער? נאך איין קאמער דארפט איר זעען, — האט ער געזאגט צו ר׳ יוחנן, וועלכער האט געהאלטן די אויגן פארמאכט און התלהבותדיק מתפלל געווען צו הקדוש ברוך הוא, שלאגנדיק זיך אויף דער ברוסט.

גאנץ אנדערש פון יענע צימערן, דאס צימער אין וועלכן ער האט איצט אריינגעפירט דעם רב איז געווען קליין און אן שום מעבל. אויף די שמוציקע ווענט ארום זענען געהאנגען בינטלעך פארזשאווערטע שליסלען מכל המינים, אן שום ארדנונג. צו זיין דערשטוינונג האט ר׳ יוחנן געזען הענגען די שליסלען פון זיין אייגן הויז, אט יענע וועלכע ער האט אזוי זארגפעלטיק באהאלטן

אידער ער האט זיך גענומען אויף דער דאזיקער אומגליקלעכער נסיעה, און האט געקוקט אויף זיי מיט געשפאנטקייט.

— וואס זעט איר וואס רופט ביי אייך ארויס אזא שפאנונג ? — האט געפ־רעגט דער מזיק, איז עס מעגלעך, אז דער, וואס האט זיך אפגעזאגט פון זילבער, און פון גאלד, און פון דיאמאנטן, זאל זיך פילן גערירט פון א נאריש בינטל פארזשאווערט אייזן ?

— דאס זענען מיינע אייגענע, מיין האר, — האט געזאגט דער רב. — זיי וועל איך יא נעמען, אויב איר וועט מיר זיי אנבאטן.

— נעמט זיי אייך, — האט געזאגט דער מזיק, לייגנדיק זיי אים אין דער האנט אריין, — איצט מעגט איר גיין. אבער איר זאלט נישט בלויז עפענען אייער הויז, רבי, ווען איר קערט אייך אום קיין קאאירא, נאר אייער הארץ אויך. ווייל איר האט עס פריער נישט אויפגעמאכט, האב איך דאס געהאט א שליטה איבער אייך, ס'איז געווען גוט פון אייער זייט צו טון איין חסד דורך קומען מיט מיר אהער אן שכר, אז איר זאלט האבן די ישועה, זעט מער נישט צו זיין ר׳ יוחנן דער קמצן.

דער רב האט זיך געבוקט צו דער ערד, און אפגעגעבן א לויב צו הקדוש ברוך הוא פארן ניצול ווערן.—אבער וויאזוי זאל איך מיך אומקערן,—האט ער געפרעגט, — איך קען דאך נישט דעם וועג ?

— פארמאך די אויגן, — האט דער מזיק באפוילן. ער האט אזוי געטון, און כהרף עין האט ער דערהערט ווי דער שר פון די מזיקים באפעלט אים זיי ווידער צו עפענען. און זע, ווי נאר ער האט זיי געעפנט איז ער געשטאנען ביי זיך אין זיין שטוב, אין זיין הויז אין קאאירא, מיט די שליסלען אין דער האנט.

געקומען צו זיך פון זיין דערשטוינונג און אפגעגעבן א שבח צו גאט, האט ער אויפגעמאכט סאי זיין הויז סאי זיין הארץ. האט געגעבן צדקה צו ארימעלייט, דערפריידט דאס הארץ פון אלמנות, און לייכטער געמאכט די נויט פון יתומים. זיין גאסטפריינטלעכער טיש איז געשטאנען פריי פאר אורחים, און ווער ס'האט זיך נאר גענויטיקט האט זיך געקענט באנוצן מיט זיין בייטל. זיין לעבן איז באשטאנען בלויז פון מעשים טובים, און די ברכות, וואס מ'האט אים גע־וואונטשן, האט הקדוש ברוך הוא אליין אים רייכלעך פארגאלטן.

מענטשן האבן זיך אבער געוואונדערט, און געזאגט : איז דאס דען ר׳ יוחנן, וועמען מען פלעגט רופן דער קמצן ? וואס איז איגנטלעך געשען מיט אים ?

און מען האט דערפון גערעדט אין קאאירא. ווען דאס איז געקומען צו די אייערן פונם רב האט ער צונויפגערופן זיינע ידידים און אפן מתוודה געווען זיין פריערדיקע ליבשאפט צום גאלד, און אין וואס פאר א סכנה ער האט זיך געפונען צוליב דעם, דערציילנדיק זיי אלץ, וואס איז שוין אויבן באשריבן, אין זאאל פון נייעם פאלאץ, וועלכן ער האט זיך געלאזט בויען נישט ווייט פון ברעג טייך, אויף דער ליגקער זייט, ווי דו קומסט אראפ צום גרויסן שטראם. און חכמים שרייבער האבן דאס אלץ אויפגעשריבן פון זיין מויל לזכרון פאר דער



מענטשהייט, אז מען זאל האבן א נוצן דערפון. און אן ערווירדיקער מענטש, מיט א בארד ווייס ווי שניי, וועלכער האט דאס אלץ געלייענט אין די ספרים, און ביי וועמעס פיס איך בין געזעסן, האט עס מיר דערציילט, כדי כ'זאל לערנען חכמה פון די אלטע צייטן.

ואני, און איך שרייב דאס אויפן לשון פון ענגלאנד, דעם פריילעכן און פרייען, דעם צענטן טאג אין חודש ניסן, תקצ״ז, לפ״ק, כדי דו זאלסט דיך אראפלערנען א מוסר השכל, אויב נישט, ליגט די שולד ביי דיר.

איבערזעצט פון ענגליש. א. אלמוג

ביאגראפישע נאטיץ : וויליאם מאגינן איז געבוירן געווארן אין קארק, איר־לאנד, אין יאר 1793 און געשטארבן איז ער דעם 20'סטן אויגוסט, 1842, אין לאנדאן, וואו ער האט געוואוינט פון יאר 1823 אן.

## א. נ. שטענצל

### ביים ים

* * *

שפיגלט זיך דער הימל אינם ים ?
אָדער אומגעקערט ? ווער קאָן עס דייטן ?
א היכל כאָטש מ'זאל זען אויף איינעם — —
אַ געליבטער אין אַ געליבטער,
שפיגלען זיי זיך איינער אין צווייטן.

טובלט זיך דער הימל אינם ים ?
אָדער אומגעקערט ? ווער קאָן עס דייטן ?
אז די זון זאל זיין אן א פלעקל,
טונקט זי זיך אויף איינמאָל איןביידע — —
צוויי טראָפּן וואַסער צום פאַרבייטן.

### ביים ברעג

וויפיל די וועלן נישט ברויזן זאָלן און זידן,
רואיק רק און שטיל עס בלייבט ליגן זיך דער ברעג :
זאָלן זיי רייסן שטיקער פון זיין לייב, גלידער־ווייז,
בלויז ער דעם קאָפּ טאָר ער נישט פאַרלירן — קיין צוועק.

וואָרום וואָס מיינט ים ? אַזויפיל, אַזויפיל טראָפּן,
פונקט ווי אַזויפיל, אַזויפיל זאַמדלעך — אַ ברעג.
און ווי אָן אַ ברעג וועלן די טראָפּן צעפליסן,
אַזוי אָן ים — צעפליען די זאַמדלעך אוועק.

דערימעך מוז דאָך איינער פון זיי כאָטש קאָפּ האַלטן,
און צו זיין געדולד נישט נעמען טאָר עס קיין ברעג.

וואָרום אז אויב נישט — נישט נאָר בלויז פון זיי ביידע,
נאָר פון אונזער גאַנצער ערד — אַ סוף און אַן עק.

נישט פאַרלוירן געגאַנגען, חלילה, די ברכה,
מיר זאָלן זיין אַזויפיל ווי זאַמדלעךביים ברעג;
אָבער אז די זאַמדלעך צוזאַמען זאָלן האַלטן,
וויפיל ימים מיט בלוט, וויפיל טרערן — אַ שרעק.

## זונאויפגאַנג (סאָנעט)

די כוואַליעס האָבן זיך רואיק צוריקגעצויגן,
ווי נאָך געווונענער שטורימדיקער שלאַכט;
דעם וויסטן חורבן וואָס זיי האָבן אָנגעמאַכט:
אומגעדרייט ליגט אַ לאָדקע, אַ מאַסט איינגעבויגן.

אַ פיש מיט אָפענע פאַרגלייזטע טויטע אויגן,
קוקט אַרויס פון אַ ריטשקע אין לעצטער אָנמאַכט.
ווי די שלאַכט האָט דאָס געטומלט די גאַנצע נאַכט!
ווי די קראָען, קראַקען די מעוועס אָנגעפלויגן!

באַגינען, די זון, אַ ליכטיקע, נעמט זיך באַווייזן,
פונם גרויען האָריזאָנט רויט זיך אַרויסצוקרייזן,
דערזעט מען ערשט וויפיל בלוט דאָ האָט געפלאָסן.
וויפיל לעבנס אין שווערע יסורים אומגעבראַכט.
אַצינד איז שטיל, איז רואיק, ווי נאָך אַלאַנגע שלאַכט,
וואָס גאַנצע אַמוניציע איז אויסגעשאָסן.

## אויף דנא שוין פון די תהומען

מיט אָפענעם חלום־בליק אין מיין בעט,
מיט פאַרטראַכט־פאַרמאַכטן ביי מיין טישל?
צאַפּלט מיין האַרץ אויף זעמדיקן ברעג דאָ,
אַן אַרויסגעשווענקט גוססדיק פישל?
קומען רייד פון צווישן ציינער־געקריץ?
געטראָפן פון בליץ, פעלז אין געקרישל?

טויזנט שלאַנגען־צונגען צישן צעשוימט:
„קיין זעמדל־זכר פון אינזל בריטן,
אַז צעטאָטשעט ווי אַ ווערעמדיקע טוס.
עס וועט זיך דער ערד־קיילעך צעשיטן;
העלפט שאָל פון דער זייט, צווייטע פון דער זייט,
און יאָדרע גאַנץ צעפּרעסן אין מיטן“.

ליג איך אויף ברעג פון צעשפיגלטן ים,
אָדער אויף דנא שוין פון די תהומען?



ווי שרעקלעך שטיל ס'גייען די וואַסערן,
געזען מוראדיק אין מיינע טרוימען!
איינגעהאַלטן אַטעמלאָז כוואַליען זיי,
גאַנצן ערד־קיילעך איבערצושוימען.

## אין שטורעם (סאָנעט)

. . . אַ מין חיה ווי געוואַלטיק גרויס,
דעם הימל דעקט זי צו מיט איר לאַפּע,
מיט די שוואַרצע נעגל אין דראַפּע,
די זון — פאַרבלוטיקט אויג גראַטשעט זי אויס.

דעם פיסק, ווען זי עפנט אים אויף בלויז —
פון צווישן די ציין דאָס שפריץ געבלאַפּע!
אין שרעק כ'בלייב שטיין, אַ פאַרחמטער גאַפּע,
נישט ווערטער — פלאַמען פליען אַרויס:

„ניין, דער ערד־קיילעך וועט נישט אונטערגיין,
פונם שמוץ נאָר די ערד זאָל ווערן ריין,
זי מוז זיך בלויז טון טאָן אַ טובל,
און אַרויס וועט זי אַן שום שמוץ, קלאָר,
אַריינע אָן פלעקל, כולו טהור — —
אייער שמוץ נאָר כ'בין נישט מער סובל“.

## וואַריאַציעס

1.

איבער טאַבונעס פערד שוויס־צעשוימטע,
פייפט אַ בייטש אַ ווילד פאַכדיקער ווינט
איינס דאָס אַנדערע איבער צוויאַגן
לויפן זיי צום ברעג משוגע געשווינט.

הויך־דיבאָם, שליפּעס־צעבלישטשעטע קעפּ,
צוימען צווישן ציינער גלאַנצן צעבליצט,
דאָס געהירושע, דאָס פאַדקאָווע געקלאַפּט
נאָזדרעס־ציטער, צעשוויצט, אָטעם־צעהיצט.

אַז בייטש קנאַלט איבער גריווע ווייס־צעשווייסט,
זיצט דאָך ווער דאָ די לייצן אין דער האַנט,
רייטוואַגן זאָל דערגרייכן ערגעץ־ווו,
מיט טאַבונעס געצוימטע, איינגעשפּאַנט.

.2

ס׳פליצט דער ים איבערן כדור־הארץ —
סטאווערלעס איבער א דרייענדיק מיל־ראד!
נישט קיין מיל־ראד וועט זיך דרייען — א שלייף־שטיין,
איב דאס ברויט נישט פארטיילט פאר אלעמען — גראד.

איבער גלאטיקן שליף דאס וואסער געטריף —
דאס כסדרדיקע אהער און אהין — —
א, און נאך איידער די זון וועט זיך זעצן,
דאס בלוט געפלים פון דער שארפער גיליאטין.

.3

לאשטשענדיק קעצל, צארט־שלאנק און בויגיק,
מיאנקעט צופיסנס שטיל און גרין־אויגיק:

אז וואס זיינען מיר דען אלע צוזאם?
זעמדלעךביים ברעג, א טפה מן הים.

און דאס שטילע אין אונז, ווי דער אויפברויז,
כסדר א שפיל בלויז פון קאץ און מויז.

## רעמיניסענס

(ביינענפעלדן לזכרון זיין טאכטער, גאלדע)

וויפיל בלוט און שווייס, וויפיל טרערן,
ביז פונם מוטנעם טיפה־סריחה,
א טיפה מן הים געלויטערט זאל ווערן.

ווי צעברעקלט מוז מען דאס ווערן,
ביז צום ברעג פון לעבן מ׳קומט צו,
הייפעלע זאמד אין גאטס האנט צוריק צו ווערן.

מעוועס (טריפטיך)

.1

די שאקלדיקע לאדקע אויף די שטילע כוואליעס,
וויגט מיך אין ווי אין א וויגל א שוואכלעך קינד;
צי ליג איך דען אויף ברעג פארוויקלט אין מחשבות —
אין וויקעלעך, און מולטערל דארט כ׳ליג אצינד!

הער, די ווארעמע זון שטייט מאמעדיק צוקאפנס,
און דאס וויגל שאקלט זיך, וואקלט אנאויפקער;



הייזעריק דאס ליד, פון כסדר זינגען מסתם,
דאכט זיך שוין איינגעשלאפן, און דאך אלץ איך הער.

די האנט אויפן הארץ ליגט מיר א צענטער אזוי שווער!
ציט זיך דאס לעבן ווייטער, איז עס דער טויט גאר?
אין מיר מיין הארץ רייסט זיך דאס די לאדקע פונם שטריק,
בלויז ס׳הייזעריקע ליד איבער מיר כ׳הער אזוי קלאר.

.2

ווי עפעס א געפגרטער הונט,
ליג איך פויל־שטינקנדיק ביים ברעג,
ס׳וועלן כוואליעס מיך ארויסשווענקען,
און אוועק איז אלץ, און אן עק.

אן אויפגעקוואלענע נבלה,
זיך אזוי שווימען אין דער זון,
מעוועס רציחיש אנגעפלויגן,
רייסן הנאהדיק דערפון.

זאלן זיי נחתדיק אויפשרייען,
מיט יעדן ביס, מיט יעדן ריס,
וואס שאט עס, אז כ׳שפיר סיי־ווי־סיי נישט?
און זיי — זאט ווערן ווי נישט איז.

ביז א פרישן זיי וועלן דערזען,
ווילד אויפשרייען פון נייער פרייד,
„קודם מיט מיין פגר וויניקער,
דעם שטינק מסתם וואס איך פארשפרייט"!

אזוי דייטלעך ממש איך הער זיי —
אין שלאף מיינע אייגענע רייד,
פון חלום, קאשמאר כ׳כאפ מיך ווילד אויף
אזוי פריש כ׳פיל מיך און באפרייט.

.3

אין די וואלקנס דאס קאליר־שפיל אין דער שקיעה־שעה — —
א וואונדער דער גאנצער ארום שטיל אזוי פארשוויגן?
מיט פארזשמורעט פארטראכטן בליק, טיף פארשלייערטן,
ער הארכט זיך פארדבקעט צו צום שפילנדיקן ניגון.

ברויזיקער ים ווערט אזוי שטיל, פלעטשערט צו צום טאקט,
כאפט א טאן א גרוילעך־בלויען, א רויזיק־פיאלעטן;
ווייס־פלאטערדיקע מעוועס פינקלען מיט די פיסלעך,
און באגלייטן שווארץ־שנאבלדיק מיט שארפע פאלצעטן.

שטיל, איך הער דעם דבקות־ניגון פון דער שקיעה־שעה —
אין מיינע בלוטן כ׳הער דאָס מישן פון די פאַרבן — — —
איינס כ׳בין מיט אַלץ, מיט יעדן שוים־בלעזל אויפן ברעג.
גוססדיק ליגט דער טאָג אויף מיינע הענט אין שטאַרבן.

## לבנה־באַלאַדע

מען וועט נישט דאָס וווּנדערלעכע אינסטרומענט,
נישט די קונציק־פלינקע לויפנדיקע הענט;
דעם קאָפּ בלויז אין דער זייט א קאָפּ געבויגן,
פאַרחלומט־פאַרזשמורעט די פאַרטיפטע אויגן.

ווי פאַרשרפט זיי זיינען, ווי אויסגעברענט,
רויכיקע גלאָווּנעס טיף אין זיך אַריין געווענט,
און די טענער פון אינסטרומענט געצויגן —
מעבר־לים מחנות־פייגל אָנגעפלויגן.

זיצנדיק ביים ברעג, אין דער לבנה־נאַכט,
בין איך איינגעשלאָפן ? האָב איך אויפגעוואַכט ?
פון דעם געזאַנג אזוי זיס זיך געגאָסן,
אַלע ברעגעס פון האַרץ איבערגעפלאָסן.

ווען כ׳האָבן מיינע אויגן צוריק אויפגעמאַכט,
דערזען — נישט געפילט, נישט פאַרחלומט געדאַכט, —
דאָס אינסטרומענט און דעם דערביי געזעסן — —
ווער קאָן אזא לבנה־נאַכט פאַרגעסן ?

## געזאַנג פון ים־כוואַלעס אין דער נאַכט

...אז פאַרפינסטערטע אַלע צוואָם,
מיר וועלן אין שוים־בלעזלעך צעשפּרינגען,
יעטווידעס טראָפּעלע באַוונדער,
שטיל־ברויזנדיק אין זיך ווייטער זינגען.

אונזער פינסטער גסיסה־געזאַנג!
שוואַרצסטער גראַניט צעפאַלן אין ברעקלעך!!
און דער שוים אַרום פעלז — זון־צעגלאַנצט,
די באַגלייטנדיקע גין־נאַלד גלעקלעך.

יאָ, אויב איין טראָפּן לעכערט א שטיין,
וועלן מיר דעם פעלז אדורכלעכערן — —
אונזער געזאַנג שטיל־פאַרטיפערן
אויב צוואָם מ׳קאָן עס נישט דערהערכן.





פּעטע קליבעס שוואַרץ־ערד צעפאַלענע אין שטיקער,
פּאָר די אַקערס ווייס־שאָקלדיקע אָקסן־שטערן;
מעלה־גירה־ברום פון די קיילעכיקע בייכער —
עכאָ׳ס פון ווייט־קייקלדיקע דונערס צו הערן.

פון צווישן די וואָלקנס קומט די לבנה אַרויס,
אָנגעהאָנגען מיט זריעה־זאַק, א פולן שווערן,
וואַרפט איבער דער דאַמפנדיק אויפגעריסענער ערד,
פולע גאַרשטן פעט־יאַדערדיקע גרויסע שטערן.

## שלמה מלך

אז שלמה איז געוואָרן ר״מ ומו״ץ דק״ק סאסנאָוויצע — און ער וואָס בישׂראל שוין פון טויזנטער יידן, קיין עין־הרע — וואָס יעדן טאָג צעוואַקסט זי זיך אַלץ גרעסער מיט די „זעקל־יידן“, וואָס קומען אָן פון דער איוואַנגאַראָדער באַן מיט די גרויסע היטלעך, וואָס קריכן זיי מיט די צעדרייטע דאַשקעס איבער די צעאַקערטע שטערנס, און זייערע שטיוואַלעס פון „מלך־אביונס גיטער“, וואָס די פאַרטרוקנטע דזשעגעכטס־טראָפּן קוקן פון די פאַלדן פון די צעקנייטשטע כאַלעוועס ווי זייערע סמיטנע, איבערגעלאָפענע, מאַנטנע־פאַרזאָרגטע, לויפנדיקע אויגן, פון אונטער די אַראָפּגערוקטע קוטשמעס; א מאָדערנע פּריש־זיך־בויענדיקע פאַבריק־שטאָט, האַרט ביי דער דייטשער גרענעץ, וואָס יעדער אָנגעקומענער שנעלצוג אויפן וואַרשע־ווינער וואָקזאַל שיט אַרויס א נייעם אָנלויף פון יונגע־לייטלעך אין פּריש־צאַפּלדיקע סוחרים אין קיילעכדיקע וואָרשעווער היטעלעך און אין געפוצטע, געפאַסטע שטיוועלעך, אָנגעטן אין שפּיליטערן אין זעמשענע און אין לאַקירטע קאַמאַשן מיט קאַפּעליושלעך נאָ־באַקום אויף די ליטווישפלינקע קעפּעלעך, וואָס קומען זיכן גליקן אין די ניי־זיך בויענדיקע שטאָט פון די „שוואַרצע דימאַנטן“ — האָט ער, דער יונגערמאַן, דעם ברייטן רבנישן גאַרטל איבער זיין שמאַלן, דאַרן גוף נאָך ענגער און נאָך פעסטער אונטערגעגאַרטלט.

ס׳איז נישט טשעלאַדזש מיט א לעפּל־טעפּל שאלה, א שטעטל וואָס לעבט מיטן לייכטן מגן־אברהם; דאָ הערשט דער חושן־משפט; יעדן צווייטן טאָג דין־תורות! און די שאלות נשים — נישט קיין מקווהדיקע... מ׳מוז זיך גוט אונטערגאַרטלען...

און דאָ האָט ער זיך פעסט פאַרגענומען קיין איין שיעור נישט אָפּצולאָזן! און אַרום טיש זיצן נישט א צען־צוועלף בחורים ווי אין טשעלאַדזש, נאָר א טיש מיט א פופציק־זעכציק. אין סאסנאָוויצע פעלן נישט קיין טעג. ר׳לייב ענגלאַרד אַליין קאָן האָבן זיצן א בחור ביים טיש יעדן טאָג. און צווישן זיי געפינען זיך אַזעלכע — דער פאַרעמפּקער אַליין! — וואָס מ׳מוז זיך גוט אונטערגאַרטלען: גוט אדורכקוקן פריער אַלע ראשונים און אחרונים, אַלע מפרשים; מ׳מוז זיין צוגעגרייט

סוף־כל־סוף, ווי אלט איז דער גאנצער יונגערמאן, דער ר״מ ומו״ץ דק״ק סאסנאווצע, דער טאטע פון פינף קינדערלעך, וואס א זעקסט האלט אט־אט ביים אנקומען? נאך קיין גאנצע פינף און צוואנציק יאר נישט. און אליין מוז ער אויך נאך הארעווען איבער זיך.

דעם „אדם לעמל יולד“ האט ער ערשט דא בפירוש דערזען; יעדן פרימארגן, פאר זעקס אזייגער, לויפנדיק אין מקווה אריין, „רץ כצבי וגבור כארי“, ווי די שטאט וואכט דאס אויף צו דער עבודה מיט בהלה און ציטערניש — די גאנצע שטאט טרייסלט זיך: פון איין זייט איבער אלט־סאסנאוויצע דאס לויפן פון די הערפער צו די הוטעס, צו די קאפאלניעס און פון דער אנדערער זייט דאס גיכע געגיי פון די באנען צו זיין צו דער מינוט; דאס קלאפן פון די וועגעלעך פון די מילכיקערס, פון דער איוואנגאראדער סטאציע צו באזארגן די שטאט און די שטעטלעך ארום מיט פרישער מילך, מיט קעז און פוטער.

צי פאסט ער אויף, צי איז עס צופעליק, כמעט אין יעדן אין דער פרי שרייט אים דער טשעלאדזשער מילכיקער צו: „גוט מארגן, רבי!“ איז עס דאס ווארט „רבי“ אדער דער גרוס פון דער היים וואס נעמט אים אזוי ווארעם ארום אין דעם טויאיקן באגין? „רבי, כ׳האב נעכטן געזען אייער מאמע, די ר׳ חיים בערישטע, כ׳האבן אריינגעטראגן א פינטשעווער קעזל...“

ווען מאנעלע פון דער זודע־פאבריק איז פארפארן מיט זיין אויסגעמאטערט, מאגער פערדל פאר מיין ברודערס וווינונג — די הויכע מויער מיט א גרויס, אפן טויער — האט ער שנעל גענומען מיין רענצל און מיר נאכגעטראגן; עס איז נישט געווען פאר מיין כבוד וועגן. דער נייגעריקער מאנעלע האט געוואלט זען ווי עס וווינט זיך דער מורה־הוראה און אהיימקומען קיין טשעלאדוש מיט א פולן זאק נייעס...

דורך א גרויסן הויף, אנגעלייגט מיט פריש־געשניטענע ברעטער און ארומגעשיילטע קלעצער, וואס די זשיוויעצע האט נאך פון זיי ארויסגעטריפט ווי פון פארבלוטיקטע לייבער, אדורכגייענדיק, איז הינטן געשטאנען אן איינשטאקיק הויז, א ווייס־אפגעקאלעכטס און פון פארנט א גרויסער גארטן. אין דער זייט איז געווען דאס הייזל פונם גערטנער, וואס איז דער בעל־בית פונם ירקות־גארטן אונטערן הויז און גלייכצייטיק דער סטרוזש פון הויז און דער וועכטער פונם האלץ־סקלאד. צוגעקלאפט צום הייזל, איז געווען א בודע פון א הונט. ס׳איז געווען ווי איין געביידע, איינע ארויסגעוואקסן פון דער אנדערער.

דער, וואס איז אקעגנגעקומען מיטן הונט אויף דער קייט, איז אנגעלאפן מיט אזא אימפעט, ווי ער וואלט אראפ פון דער געביידע פון שיפן בארג און אנקומענדיק צו דער בודע, האט ער דעם הונט אויך נאך מיט זיך שנעל מיטגענומען. ער איז אונז פארגעלאפן דעם וועג: „דער ראבין איז איצט נישטא. איר האט נישט דא וואס צו קריכן“.

דער גרויסער מאנעלע האט אבער נישט קיין מורא פאר קיין הונט, פאר קיין סטרוזש אודאי נישט, בפרט אז ער האלט אין דער האנט דאס רענצל פון ראבינס ברודערל אליין. האט ער אים אנגעקוקט פון אויבן ביז אראפ, א ווארט נישט מפסיק צו זיין, און ווייטער געשפרייזט מיט זיינע גרויסע שטיוואַ־



לעס. מיך האלט ער ביי דער האנט אזוי פעסט, אז נישט דער הונט און נישט דער סטרוזש. נאר מאנעלע האט אויף מיר אנגעווארפן א מורא. עפעס ברענט אים: זע נאר א מורה־הוראה מיט אן עשיו פארן טויער, מיט א כלב פאר דער טיר...

איידער מאנעלע האט נאך אויספיעיעט אנצונעמען די קלאמקע, האב איך הויך אדורכגעלייענט דאס צעטעלע מיט געבתיבהטע אותיות וואס געקלעפט אויף דער טיר: „דער מורה־הוראה געפינט זיך יעדן טאג צווישן עלף און צוויי אין בית־המדרש. מיט א דרינגענדיקער זאך קאן מען אים שטערן“. ער האט זיך צעלאכט הויך אויפן קול, אז נישט נאר דער סטרוזש, נאר דער הונט אפילו האט זיך אומגעקוקט: „זע נאר נישט נאר ווי אין טשעלאדוש אויף דער מינוט, מיטן זייגערל אין דער האנט... ווי א פראפעסאר: פון עלף ביז צוויי... מיט א דרינגענדיקער זאך קאן מען אים שטערן“. צעלאכט ער זיך נאך העכער שוין מיט אן הנאה, וואס ער וועט האבן עפעס שיינס צו דערציילן: „ווייסטו, כאפ דיך ארויף אויפן וועגעלע, וועל איך דיך אראפלאזן פארן בית־מדרש. דו וועסט דיך דאך נאך דא אין דעם כרך פארבלאנדזשען“.

ביי דער זייט פון דער גרויסער ציגל־געמויערטער, מיט דעם פארנעמען פראנט, וואס האט אויף דעם טשעלאדזשער ייִנגל געמאכט א געוואלטיקן איינדרוק מיט די וואונדערלעכע ידישע אותיות איבערן אריינגאנג, מיט די צוויי געטאקטע קופאלן איבערן דאך ווי אין פסוק שטייט: „שני שדיך כשני עפרים“, איז געווען א שמאלער, אפענער אריינגאנג צום הויף, וווּ דאס בית־מדרש איז געשטאנען און זיך געגלוצט מיט אפענע, צעפראלטע פענסטער.

„בבית אלקים נהלך ברגש“! כ׳בין אריינגעקומען א דערשראקענער: א גרויסער ליידיקער פירעק, ליידיקע טישן, א הויכער, דארער בחור שטייט ביי דער ספרים־שאנק און מישט אין א ספר. ביים עמוד שטייט א ייד אין א צעקנייטשט היטל, אין אן אפגעשאסן צייגן־כאלאטל ביי אן אנגעצונדן ליכטל און וויינט אין א תהלימל אריין.

אין א טונקל ווינקל אויבן זיצט ביי אן אפענער גמרא איינער אין א רעקל, אין א קאפאליוש מיט א פאר גרויסע, געדיכטע וואנסעס. אים אקעגנאיבער — א יונגערמאן, אויך אין א רעקל מיט אן אפן ווילעריש פנים. דאס קליינע קאפעליושל אזוי פארשארט אויפן קאפ, אז ס׳זעט עס קוים ארויס פון דעם וואלד צעפלאשעטע קודלעס. זיי זעען ביידע אויס ווי איבערגעריסן אינמיטן א צעקאכטע שקלא־וטריא — נישט אהין און נישט אהער.

דער ייד מיט דער גרויסער, געדיכטער וואנסע האט אזא קנייטש געגעבן מיטן פנים און מיט אזא ירגזון א געשריי געגעבן: „ר׳ שמעלקע!“ צו א יידל, וואס איז געשטאנען אויפן טיש און געפוצט א גלעזל פון א לאמפ, אז עס וואלט אים זיכער פון דער האנט ארויסגעפאלן און צעבראכן געווארן, ווען ס׳וואלט נישט געווען הענגען געבליבן אויף דער רויטער, סאזשע־פארשמירטער פאטשיילע, וואס איז געווען אדורכגעצויגן דורכן גלעזל און אויף וועלכן עס האט זיך געהאלטן. דאס יידל אויפן טיש איז געווען בלינד אויף איין אויג. עס האט געמוזט אויסדרייען דעם קאפ, אז ס׳זאל מיך דערזען. דערווייל האט דער ייד

מיט די גרויסע, געדיכטע וואנסעס מיך אנגעקוקט מיט א פאר פארזשמורעטע, בייזע, תלמיד־חכם־אויגן אונטער לאנגע ברעמען. אז מיר האט זיך געדאכט, אז נישט נאר ויינען די ווערטער ארויס פון דער וואנסע, נאר פון א געדיכטער בארד און פאות.

„פרעגט אים וואס ער וויל. מסתם א נייער דארמאיעדניק. ווייזט אים דעם דרך. „דאס ליטווישע לשון האב איך שווערלעך פארשטאנען, אבער דעם ביטולדיקן טאן ווי מ'רעדט פון עפעס נישט־גוטס האב איך דייטלעך ארויסגעהערט.

דער שמש האט גערעדט נאך ליטווישער, און דאס איינע אויגל האט לצנותדיק געווונקען: „גיי מיר נאך, בחורל. טעג האסטו שוין? ס'שמועסט זיך ארום, הא? אין סאסנאוויץ איז דא גוטע טעג? אבער זאג מיר נאר, בחורל, וווּ האסטו גענומען אזעלכע גראבע פאות? שוין באלד ווי ביים ראש־ישיבה".

„איך בין דעם מורה־הוראה'ס ברודער". דאס יידל האט אויסגעזען ווי ס'וואלט ווייטער גערעדט. נאר אזוי ווי דאס אויגל האט מיטאמאל פארלוירן דעם לצנותדיקן ווונק, האט עס אויך ווי פארלוירן דאס קול. איך בין אים שווייגנדיק קוים נאכגעלאפן דעם לאנגן, שמאלן הויף, דורך געדרייטע, פינסטערע שטיגן. ער האט געעפנט א טיר און מיך שטיל אריינגלאזט.

אזוי ווי כ'בין אריינגעקומען, אזוי בין איך שטיין געבליבן, פארשטייפט מיטן רענצל אין דער האנט, מיט א פאר אויסגעגלאצטע, גרויסע אויגן, א פארגאפטער, מיט אן אויפגעריסן מויל: אין דער לענג פון א ריי זון־באלויכטענע פענסטער — אין דער הויך לאזן זיי זיך אויס קיילעכדיק, מיט אריינגעזעצטע קאלירטע שייבעלעך — א לאנגער טיש א פול־באזעצטער מיט בחורים, א געשאקל, א געטומל מיט קולות אבער אין קלינגענדיקער טאן האלט אלע צוזאם, ווי א לאדקע אויף א קייט אויף א צעגלאנצטן טייך; די ווענט שאקלען זיך מיט, שווייצן: „אזנים לכותל".

פלוצלינג ווערט שטיל ווי אין אן אויער; עס הערט זיך שלמהס הייזעריקער ניגון־לאזער קול ווי ער טייטשט אין א שטיקל מהרש"ל.

דער בחור ביי זיין רעכטער זייט, וואס האט מיך דערזען באלד ביי מיין אריינקומען, ערשטנס, ווייל ער איז אויסגעקומען מיטן פנים צו דער טיר, צווייטנס, ווייל זיינע פלינקע אויגן זיינען אזעלכע, אז זיי מוזן אלץ אויפכאפן. איז ער האט טאקע באלד אויך אויפגעכאפט, אז נישט נאר האב איך גראבע פאות ווי דער ראש־ישיבה, נאר דאס בין איך טאקע א לייבלעכער ברודער פון אים. און אויב ביי מיין אריינקומען איך האב נישט, א פארבליפטער, ווילד אויפגעשריגן, נאר שטיין געבליבן בלויז א שטייף־פארגליווערטער מיט אן אויפגעריסן מויל, איז געווען, ווייל דער פלינקער בליק האט מיר א קונדסקן, חברישן גלעט געטון. און אט טאקע דער בחור, קוקנדיק אויף מיר ווי אנצוטון מיר א שטיקל, ווי צו ווייזן מיר א פייג, כאפט זיך פלוצלינג אויף: „ראש־ישיבה, לויט ווי דער רבנו תם זאגט בפירוש, איז דאך דער גאנצער מהרש"ל . . ."

שלמה, אויפהייבנדיק פאמעלעך א פאר גרויסע, פריילעך־פארטראכטע אויגן פון דער גמרא ארויס, טוט זיך אריב איבערן גרויסן קאפל אויף זיין באליבטן



שטייגער, ווען ער האט א הנאה פון עפעס: „שלמה מלך, מעגסט מאכן ברוך שכונתי. דער „הפלא" שטעלט שוין דערויף" און דערזעענדיק מיך, בלייבט ער אויך מיט אן אויפגעריסן מויל, ווי איך. נאר באהערשנדיק זיך אינמיטן זיין איינגעפאלענעם חידוש צו פארענטפערן דעם מהרש"ל, מאכט ער בקיצור: „אברהם נחום, שלום־עליכם. וואס שטייסטו ווי א . . . זעץ דיך דארטן הינטן צו צו דער גמרא . . ." דרייסיק קעפ דרייען זיך אויס צו מיר. זעכציק פאר אויגן קוקן אויף מיר און איך, רויט ביז איבער די אויערן, גיי צו צום לעצטן פלאץ ביים טיש. זעץ מיך צו דער אפענער גמרא, ביי וועלכער עס זיצט א בחור מיט אן אויסגעמאגערט פנים און שטרעקט מיר א „שלום־עליכם". דאס רענצל האלט איך נאך אלץ אין מיין שטייפער האנט. פאר מיינע אויגן טאנצן נאך אלץ דער פלינקער בליק, צו וועלכן איך טרוי מיר נישט אהינצוקוקן: ווער ווער, אבער יענער דארט מיט הפלא'ס קשיא האט זיכער פארשטאנען: „וואס שטייסטו ווי א . . . „טשעלאדזשער דופע" . . . איך פיל ווי א רויטקייט באגיסט מיך נאכאמאל. איך הער ווי שלמה רעדט און דער, וואס הייסט „שלמה מלך", וויל איינווענדן עפעס. דער בחור ביי מיר ווייזט מיר אן דאס תוספותל, אין וועלכן עס גייט. עס ווערט א גאנצע סומאטאכע. איך פיל מיך אין דער היים . . . איך הייב אויף די אויגן פון דער גמרא ארויס און דערזע יענעם פלינקן, גלעטנדיקן בליק, וואס קוקט נאך אלץ צו מיר.

אויף דער רגע צוויי אזייגער זיינען די גמרות פארמאכט געווארן. שלמה איז צו מיר צוגעקומען, א רגע זיך ברידערלעך געפריידט מיט מיר, זיך נאכגעפרעגט. אין דער צווייטער רגע בין איך שוין געווען איינער פון די תלמידים: „מרים ביילא איז נישט מיט אלעמען. איך בין היינט אויך א טעג־עסער, קאנסט מיטקומען, ס'איז צום מחותן".

ווי פלינק יענער בחור האט אויפגעכאפט מיטן בליק, נאך פלינקער מיטן אויער: צי ער האט ארויסגעהערט פארלעגנהייט אין רבינס קול און אים געוואלט א טובה טון, אים באפרייען פון מיר, צי זיך פארשטייענדיק מיט מיר אייפן ערשטן בליק מיך שוין נישט געקאנט אפלאזן, מיך האט ער א טארע געטון, און גערעדט האט ער צו שלמהן: „ער וועט מיטגיין מיט מיר אין פליישיקן קעלער אריין. פאר פינף קאפיקעס וועט ער עסן א מיטאג . . . א סעודת שלמה בשעתו", האט ער אויסגעלאזן ווייציק און מיר נאכאמאל א טארע געטון: „קום!" און שטיל מיר אין אויער אריין: „טשעלאדזשער דופע, וואס שטייסטו?" אין זיך הויך צעלאכט, און איך נאך העכער.

דער בחור איז געווען דער „פארעמבעקער", א פושיסטאנעק אויפן וועג קיין זאמקעוויץ, א שניידערס א יינגל, דער עילוי פון דער ישיבה. ער איז נישט געווען העכער פון מיר, כאטש מיט קנאפע צוויי יאר עלטער.

° ° °

אקייגנאיבער זייאנצנס הורטגעשעפט — הינטן ציען זיך די גרויסע סקלאדעס, דורך אפענע טויערן פארן וועגענער אריין און ארויס, א געקנאל פון בייטשן, א געשריי פון פארמאנעס; פראכט־וואגאנען ווערן אפגעשטופט אויף שינעס דירעקט אין הויף אריין; פארנט, דער פאראדנער אריינגאנג צום גע־

שעפט ארויפצוגיין. מיט א שפּיץ־ראג שניידט זיך דאס ציגל־הויז אין דעם פרייען פלאץ, ווי א שיף, וואס האט געאנקערט ביים ברעג. ביי ראג פון די כוואליעס־פלייצנדיקע מאנזשעווער גאס; אויף די טרעפּ ארויף א רוך, א געטומל, קונים, שפּיליטערן, פּראווינץ־סוחרים. אראפּ טראגן טרעגערס זעק מיט ראזשינקעס, מאנדלען, שעפּטאלן, קאסטנס צוויי מאל גרעסערע פון זיי — פונקט אקעגן אט די געפּלאסטערטע, ברייטע שטיגן, וויז־א־ווי, איז דער פליישיקער קעלער־רעסטאראן. אויף אסך שמאלע שטיגלעך אראפּצוגיין. פון די אפענע לופטשיקלעך זומער און ווינטער פּארעט מיט ריחות פון געריישטע יושקעס, געפּרעגלטע קאטלעטן, פון געפילטע קישקעס און „פּוצים מ׳טאבעכעס". דער דאמף, וואס גייט פון די לופטשיקעס איז אזא פעטער, געדיכטער, אז שטייענדיק אויבן פאר זיי קאן מען שוין זאט ווערן.

דאס געגיי אין דעם „פליישיקן קעלער" אראפּ איז נישט ווייניקער ווי צו זייאנצן אין געשעפט אריין. און ווער גייט אלץ נישט? די זעלבע פּראווינץ־סוחרים, וואס גייען אויף די ברייטע ראג־טרעפּ ארויף, ארויסקומענדיקע אפּגעפערטיקטע, לאזן זיך אויף די שטיגלעך אראפּ ס׳הארץ צו דערכאפּן מיט א פופיקל, א געפילט מעגעלע; סאפּנדיקע טרעגערס מיט די פּאווורסן ארום די בייכער, איבער די אקסלען, אטעמען אפּ ביי א פּעטער יושקע, אז ס׳גייט א רויך. כלערליי פארשווינדלעך מיט לאנגע האר און אין רובאשקעס, שטייען ביים בופעט, זיצן ביי קליינע טישלעך און רעדן מער ווי זיי עסן. און א בחור, אז ס׳פעלט אים איס א טאג אדער א בעל־הביתטע האט קיין צייט נישט געהאט צו קאכן, שטעקט זי דעם ארעם־בחור אריין א צענער אין האנט און זאגט אים: „פאר פינף קאפּיקעס וועסטו אפּעסן אין קעלער א מיטאג".

אין זייאנץ, אז אין געשעפט מיטאג־צייט ס׳ווערט שטילער, שטעלט ער ארויס א בענקל אויף די טרעפּ אין דער הייך, זעצט זיך אנידער אין קאנטיקן זיידענעם קאפּל און אטעמט איין דעם פעטן, געדיכטן דאמף, וואס פּארעט פון לופטשיק ארויס. ער אטעמט מיט גרויס הנאה דעם באטעמטן, היימישן ריח, וואס נאר ביי דער מאמען אין דער היים האט ער אים געפילט. ער קאן זיך גארנישט אנזעטיקן — א כפרה טויזנט פּאטראוועס!

אין אט דעם קעלער האט מיך שלמה מלך אראפּגעפירט, און מיר האבן זיך אנידערגעזעצט ביי א טיש מיט יידן. כ׳האב מיך געפילט ווי ביי א יארצייט־סעודה געפּראוועט אין שטיבל.

כ׳האב אים דערציילט, אז דער טאטע האט מיר מיטגעגעבן א רובל אויף א גאנצער וואך — צוואנציק קאפּיקעס א טאג.

„הע", האט זיך שלמה מלך פריילעך צעלאכט, „וועסט נאך קאנען עסן יעדן טאג פאר צען קאפּיקעס פּאלטשעס פּוטער־געפּרעגלטע קיכלעך. א מיטאג קאסט אינגאנצן פינף קאפּיקעס".

דער טיש איז טאקע דער פינף קאפּעדיקער. און שוין שטייט פאר מיר א גרויסער טעלער פול מיט היימיש־געמאכטע „פּלעצעלעך", באגאסן מיט א פעטער איינגעדעכטס און אין סאמע מיטן א ברוין־צעגלאצטע געפּרעגלטע קויל, גרויס ווי „עוג מלך הבשן" — עס פארגייט אין די אויגן, די נאז גיוכעט.



אחוץ וואס „פּלעצעלעך" זיינען געווען מיין באליבט מאכל, האב איך נאך געהאט אן אנדערן חשבון, דערזעענדיק די גרויסע „מיכע": איך האב צעריבן די קויל, זי אויסגעמישט מיט די „פּלעצעלעך" — עלעהיי געפילטע קרעפּלעך! — און מיך גענומען צו דער אכילה מיט אזא מין תאוה, אומבאוווסט מיר ביז צו יענעם מאמענט. איז עס ווייל אוועק פון דער היים איז דאס געווארן א זאך, פאר וועלכער איך מוז מיך זארגן און דערפאר באצאלן? דאס מסתם אויך, אבער זיכער נאך עפּעס ...

שלמה מלך האט מיך מיט הנאה אנגעקוקט: „הע, כ׳האב דיך גוט אריינגעפירט?" און אריינגעווארפן א גמרא־ווארט ווי צו פארענטפערן דאס, וואס איך טראכט: „אין הססה אלא באכילה ושתיה" ...

אויפהייבנדיק מיינע פארוואונדערטע אויגן פון טעלער, אים פארוואונדערט אנצוקוקן, דערזע איך אויבן ביים פענסטער, ביי א קלענערן טיש שוין ארומגעשטעלט מיט בענקלעך, זיצט, דאכט זיך, דער זעלבער ייד פון בית־מדרש, מיט די גרויסע וואנסעס, אן קאפּעליוש. אקייגנאיבער אים דער יונגערמאן, אויך אן קאפּעלושל. זיי עסן, אבער זיי ריידן מער ווי זיי עסן. זיי האמפּערן זיך, אט הייבט איינער אויף דעם גאפּל, כאטש אין אנדערן אריינצושטעכן.

דעם ייד מיט די וואנסעס וואלט איך נישט דערקענט, ווייל איצט זעט ער גאנץ אנדערש אויס, ווי א גוי מיט א פּאר בייזע, צעפּלאשעטע וואנסעס, ווי דער שרייבער פון סאנד ... נאר דער יונגערמאן איז דאך דער זעלבער. איך קוק שטארק אהין צום טישל און וויל שלמה מלכן עפּעס פרעגן.

„קוק נישט, פרעג נישט, כ׳וועל דיר שוין אלץ קלאר מאכן שפּעטער". גיט ער מיר א שטארקן טארע אונטערן טיש.

מיר זיינען שוין ביים נאכמיטאג־שיעור נישט געווען. מיר זיינען „געגאנגען אין דער וועלט אריין" ... ער האט מיך געפירט צום לאסעק צו און מיר דערציילט ווער די פּאצעטן זיינען מיט די לאנגע האר. ווער ס׳איז דער מיט די גרויסע, געדיכטע וואנסעס ... ער איז דער ‚רבי' פון זיי. ער האלט ‚דרשות' ביים ‚הזמיר' און ביי די הארפע, ביי די ‚חברים' און ביי די ‚גענאסן' — פאר אים האבן אלע דרך־ארץ. זיי שלאגן זיך און הרגענען זיך, אבער ווען ער פירט א דיסקוסיע איז שטיל. די ‚בערזע' — —"

„גראבער קאפּ, ביסט דאך טאקע א טשעלאזשער דופע! ווייסט נישט וואס עס מיינט ‚דיסקוסיע'?"

ער האט איינגעזען, אז דער גאנצער שמועס האט קיין צוועק נישט, אז ער האט צו טון מיט א „פּרא־אדם". האט ער מיר פיין די פאות ארונטערגעגלעט אונטערן היטל און מיר גענומען באווייזן סאסנאוויצע.

קודם האב איך געוואלט מיר זאלן אהינגיין צום צוואנציק־קאפּיקאווע געשעפט.

„ווילסט דיר קאפן א פידעלע מיט א שמיטשיק?" האט ער אנגעהויבן צו מיר צו ריידן ווי צו א קליין קינד און בייז מיך אנגעקוקט: „ווי אלט ביסטו דען אייגנטלעך?" איך האב אים אנגעקוקט, ווי ער וואלט געווען א כישוף־מאכער, וואס ווייסט אלץ נאך איידער מען טראכט: „איך בין נאך פּסח אלט

געווארן פערצן יאר״.

„אברהם נחום, זעסט איך בין דער נאר. כ׳האב געמיינט, אז דו ביסט שוין עלטער פון מיר. „דאס ווארט אברהם נחום האט ער ארויסגערעדט אין זעלבן ברידערלעכן טאן ווי שלמה אין דער פרי: „ווייסט, אברהם נחום, ביים ערשטן בליק כ׳האב דיך געזען אריינקומען, האב איך דיך ליב באקומען״.

א ציטער פון פרייד איז מיר אדורך דורכן גאנצן לייב. עפעס א שוידער האט אנגעהויבן זיך ציען איבערן רוקן ביז צום קאפ. א צוק געגעבן: וקנה לך חבר. און מיינע בלוי־פארגלאצטע אויגן נאך גרעסער געווארן.

„יא, אברהם נחום, מיר וועלן שוין היינט אזוי ארומלויפן. נאר יעדן אין דער פרי וועלן מיר א שעה פארן שיעור אדורכלערנען דאס בלאט גמרא. און פון דעם אלעם, וואס איך האב מיט דיר גערעדט, איז פתח שין שא!״

ער האט געוווסט, אז איך האב פון דעם אלעם, וואס ער האט מיר אנדערציילט, קיין סך נישט פארשטאנען. אבער איך האב דאך אלץ געוווסט:

שלמה מלך איז שוין אלס ייִנגל געווען אן עילוי. דער פאטער האט געוווסט, אז מיט זיין שארפן, שפיציקן קאפ וועט זיין זון די וועלט איינגעמען, ווערן א גרויסער רב ביי יידן. ער האט נישט דערעסן אין דעם זון נישט געזעצט אויפן טיש מיט דער שער און נאדל. ווען ער, דער פאטער האט געזען, אז ער וואקלט זיך אז ער חברט זיך צופיל אויף דער „בערושע״ האט ער געכאפט אויף אים די שער... ער שטייט שוין איצט אין די שענסטע שידוכים, ער האט זיך פארגענומען טאטע־מאמע נישט מצער צו זיין... דער, וואס דו זאגסט, מיט וואנסעס, ווייסט עס. ער איז א צדיק... נישט נאר „די הארפע״ און דער „הזמיר״, נאר פון דער שווייץ דארט פון ווו מ׳האט אים אהערגעשיקט האבן זיך אלע געאייניקט, אז מ׳קאן זיך אויף אים פארלאזן. די אלע טריפהנע פעקלעך, וואס קומען פון דארטן, גייען דורך זיין האנט. זיין שוואגער איז א רייכער שפיליטער... און די אלע געכאפטע אין די גרויסע שטעט, ביז אין טיף ראסיי, שווארצט ער דא אדורך דורך מאנדזשעווו, דורך מילעוויץ, דורך טשעלאדזש. ער האט שוין זיינע שמוגלער...

„זעסט, דעם יונגנמאן אין קאפעליושל איז א רבס א זון, אן עילוי, א פועלי־ציון, אן אייזערנער קאפ... כ׳וועל דיר שוין דערציילן. „און ער אליין, איז א בונדיסט, א גרויסער למדן, א רבינס אן איניקל... פון די חב״דער.

אז זיי קומען אן ברענגט ער זיי אין בית־מדרש אריין... דא זיינען זיי זיכער. מיך שיקט ער מיט א גאנג...

„כ׳ווייס סאי־ווי אז דו ווייסט, זאגט ער צו מיר. יבוא יומו!... לאכט ער צו מיר מיט זיינע גוטע וואנסעס...

„שלמה מלך,״ ס׳ערשטע מאל, אז איך זאג ארויס זיין נאמען און ס׳קומט ארויס אזוי ברידערלעך, קיינמאל א חברס נאמען אזוי ליבלעך ארויסגערעדט. נישט אברהמס, נישט סרולקעס אפילו נישט אלטערס: „דו ווייסט דאך טאקע אלץ, אפילו דאס מיטן פידעלע״. און איך וויל אים דערציילן די מעשה פון מיר מיט אברהם... אבער איך האק אפ און בלייב שטיין סמוטנע־פארטראכט.

עס איז דערווייל געווארן פארנאכט, און אין דער שמאלער מאנדזשעווער



גאס מיט די גרויסע קאמעניצעס ווירקט די בין־השמשות־שעה נאך טרויעריקער. פלוצלינג האבן זיך אין איין לאנגער ריי איבער דער לענג פון דער גאנצער גאס פון אליין א צינד אן געגעבן לעמפ און ס׳איז ליכטיק געווארן, ממש ווי בייטאג — נאך ליכטיקער! פון די שויפענסטער האט געלויכטן מיט גאלד, מיט זילבער, מיט בריליאנטן, און ווי לעבעדיק זיינען געשטאנען אזעלכע גרויסע לעבעדיקע לאלקעס אין זייד און אין סאמעט אין מאנטלען און אין פעלצן. כ׳האב די אויגן גארנישט געקענט אפרייסן. און אין דער גאס געגיי איינער אויפן אנדערן, און ווי אויסגעצטראיעס, גאר אנדערע מענטשן — א גן־עדן התחתון! „זעסט, דאס איז מאכל מיליכיארס פרוכט־געשעפט״. די ריחות, וואס גייען פון דארט און די מיני פירות — עס פארשמעקט די גאס, עס פארנעמט די אויגן. שלמה מלך האלט מיך שוין ביי דער האנט און ער פירט מיך ווי א בלינדן. ער קאן מיך נישט אפרייסן, יעדעס פענסטער א נייע וואונדער. און אין דעם געדרענג, האט ער מורא, קאן אים דער „טשעלאדזשער הופע״ אינגאנצן פארלירנגיין: פאר מיינע אויגן שטייען נאך אלץ די מילגרוימען, די הענגלען ווייַנטרויבן...

פאר דאשינסקיס ווורשט־געשעפט, וואס האט געלויכטן מיט צוויי צעבליצטע שויפענסטער מיט כלערליי ווורשטן און פארנדיקע פליישן און פון דער אפענער טיר האט דער ווארשעווער קנאבל־ווורשט און די זיך קאכנדיקע ווינער־ווורשטלען פארכאפט דעם אטעם. האט מיר גענומען וואסערן אין מויל. שלמה מלך האט געזען, אז איך גראבל דאס געלט אין טאש.

„אברהם נחום, אז מיר וועלן עסן אזא ווארעם ווורשטל, וועלן מיר שוין נישט קאנען אריינגיין צו פאלטשען. אירע ,שפיליטער־קיכלעך׳ צעגייען זיך אין מויל — ס׳איז טעם גן־עדן. בלויז אדורכגיין פאר דער צוקערניע גיט זיך א ריר אונטערן לעפעלע״.

און כך הווא, צוקומענדיק א שטיק פאר פאלשעס צוקערניע, האט די נאז זיך שוין אנגעהויבן צו באוועגן פון אידעלע גערוכן. אזא געמיש פון פרישגעפרעגלטער פוטער, פון זיסער סמעטענע און פון שארפער קאווע, און אויף דער שפיץ צונג איז אזוי שאקאלאדעדיק. שלמה מלך האט מיר נאכאמאל גוט ציגעלעט די ארונטערגעשטופטע פאות אונטערן היטל און מיר זיינען אריין.

ניין, ביי א טישל זיך זעצן האט שלמה מלך נישט געוואגט. פאניענקעס מיט ביכלעך אונטער די ארעמס, סטודענטלעך אין זייערע היטעלעך נא־באקום, הינטן ביי טישלעך די לאנג־האריקע מאדנע פאצעטן אין רובאשקעס. און אפענע העמדער מיט די ווייסע קראגנס איבער די רעקלעך, פארשידענע פרייליינס מיט פריש אפגעזייפטע ברענענדיקע פנימער און צווישן זיי ביי א טיש ווידער יענער מיט די וואנסעס, נאר פארפוצט פארגלעט ווי מיינע פאות אונטערן היטל, ארומגערינגלט מיט א חברה יונגווארג.

איך האב שוין געוווסט, אז איך ברויך נישט אהינצוקוקן... און חוץ דעם: הונגער און נאך עפעס א ניי געפיל וואס מיר איז אומבאקאנט געווען, א קיצלען ממש פון בויך ביז צו מיינע וואסערדיקע ליפן. אזוי שטייענדיק ביים בופעט, האבן מיר נישט געגעסן, נאר געשלונגען.

שלמה מלך האט געזאגט „שפיליטער־קיכלעך, זאל זיין שפיליטער־קיכלעך". איך האב זיי געשלונגען ווי פריטלעך אין פורים. אבער וואס איז מיטן שמע־קעדיקן קעז־קוכן אויפן בופעט? איך האב אים געגעסן מיט די אויגן . . .

„כאבילתכם כן עבודתכם, כ'האב הנאה פון דיר. וועסט זיין א מענטש". האט שלמה מלך ווידער געוואלט אנהייבן. נאר פון איבער דער טאשעוואניע בייגט זיך אריבער צו אים א שיינער בחור, עלעגאנט אנגעטון, אין א געהאקט יוביצל, א קיילעכדיק היטעלע, א שווארץ בענדל אין געביגלטן קראגן. דאס איז געווען לאזער פאלטשעס. בייטאג האט ער געלערנט אין דער ישיבה און ביינאכט בשעתן רוק צוגעהאלפן דער מוטער ביי דער טאשעוואניע: „היינט האט דער ראש־ישיבה מסתם נישט געמערקט, אז ביסט נישט געווען ביים פארנאכט־שיעור. האסט שוין א נייעם קרבן . . . דאכט זיך, אז ס'איז דעם ראש־ישיבהס ברודער — א, ס'קומט דיר א מזל־טוב" . . . בייגט ער זיך אריבער צו מיר: „שלום מאיר איז געקומען נאך מנחה אין שטיבל אריין אנזאגן די בשורה, אז די רביצין האט בשלום געהאט א קינד".

איך בין אינמיטן קייען, מיט א פול מויל, שיער נישט דערשטיקט געווארן: וואס טוט זיך? ווו בין איך? די גאנצע צוקערניע, מיט די טישלעך, דאס שווי־פענסטער מיט די „באבקעס", מיט די טארטן, די פולע טאשעוואניע, עס האט זיך אלץ מיט מיר א דריי געגעבן ווי א קארוסעלע . . . ווו בין איך? טשעלאדזש? סאסנאוועץ? איז עס טאקי נאכט? די לעמפ האבן מיר פארבלענדט די אויגן.

אראפשלינגענדיק, צו מיר קומענדיק, און שוין געעפנט ס'מויל עפעס צו זאגן, טוט מיך שלמה מלך הינטן א טארע: „קום ארויס, וועסט מיר שוין דרויסן זאגן . . . האב נישט קיין מורא . . . כ'וועל דיך שוין אהינברענגען. וועסט שוין האבן ווו צו שלאפן".

ארויסקומענדיק, האט ער זיך אזוי צעלאכט, אז מענטשן האבן זיך גענומען אומקוקן, און זייערע פארוואונדערטע בליקן זיינען געבליבן שטיין אויף מיר...

• • •

ווען שלמה מלך האט מיך שפעט ביינאכט צו געברענגט צום טויער פון מיין ברודערס וווינונג, האב איך דערזען, אז איך האב נישט דאס רענצל. „מילא די זאכן דארטן, אבער די תפילין!" שלמה מלך'ס זיכערקייט, אז כ'האב עס געלאזן שטיין אין דער ישיבה אונטער דער באנק, ווו כ'בין געזעסן, האט מיך בארואיקט.

אויפן קארידאר און אויף די שטיגן איז געווען א יום־טובדיקע שטילקייט און געשמעקט מיט שפיטאל, מיט פארגליווערטע שרעק.

ארויפקומענדיק אויבן, איז פון איין זייט געווען צוויי פארמאכטע טירן און פון איין זייט, איינע אביסל אפן, א ליכטיקייט האט ארויסגעשיינט און ס'האט זיך געהערט א גיין אהין און צוריק. כ'בין שטיל אריין. מיט מיין צעטומלטקייט פונם גאנצן טאג, מיין אפהענטיקייט, און צום סוף די שרעק פונם פארלוירענעם רענצל, האב איך דאך געפילט, אז כ'בין אריינגעפאלן אין א מזלדיקער שעה.

דאס חדר איז גרויס, ארום און ארום ביי די ווענט שענק מיט ספרים. כ'האב מיך אריינגעקוועטשט אין א ווינקל צווישן צוויי ספרים־שענק, נישט



מיך צו באהאלטן, נאר כדי נישט צו שטערן: איבער דער גאנצער לענג פון דער גרויסער שטוב איז שלמה געגאנגען אהין און צוריק מיט א געהויבענעם פריידיקן גאנג. אט קוועטשט ער די אויגן, זיך ציענדיק ביים שווארץ־ברוינעם בערדל, וואס לאזט זיך אויס מיט צוויי בלאנדע שפיצן, ארויסלאזנדיק פון זיך משונה־מאדנע קולות, וואס אז מ'וויל איז עס א בעטנדיקער קרעכץ, און אז מ'וויל איז עס א דאנק־לויבונג צו עמעצן ווו דא, וואס מ'זאגט עס אים אין פנים אריין . . . און אט ווערט דער גאנג שטארקער, ריטמישער, ווי א מין טאנץ, די אויגן זיינען אפן און ווי זיי זוכן וועם, די האנט גיט זיך א פריידיקן רייב איבערן גרויסן קאפל און די אפלען פארגלייזן זיך.

איך בין געשטאנען אין ווינקל צווישן די צוויי שענק מיט איינגעהאלטענעם אטעם און געשפירט ווי מיינע פיס באוועגן זיך מיט אין זיין געהויבנקייט.

ווען שלמה האט מיך דערזען, האט ער אין זיין פארטועקייט, אפנים, שוין אינגאנצן געהאט פארגעסן, אז ער האט מיך שוין היינט געזען און מיר נאך א מאל אפגעגעבן „שלום־עליכם": „אברהם נחום, ס'איז גוט, אז ביסט דא, כאטש איינער פון דער היים . . . ז'איז נאך זייער שוואך . . . אבער ברוך השם, גאטס נסים . . . שרה לאה וואכט ביי איר דרינען".

מיין נייגיריקייט האט מיך אינגאנצן אויסגעניכטערט: „מזל־טוב! א יינגל אדער א מיידל?" האב איך געפרעגט א פאראינטערעסירטער . . .

„ס'וועט הייסן נאכן טשעלאדזשער זיידן", האט ער נאך פריידיק און גיך מיר געענטפערט, ווייל ער האט געוווסט, אז דערמיט וועט ער דער מאמען גרויס נחת אנטון: דעם לעצטן יינגל האט ער דאך געמוזט א נאמען געבן הערש לייב, נאך דער שוויגערס פאטער. אבער ער איז שוין געשטאנען ביי א ספרים־שאנק מיטן זייגער אין דער האנט. זיין שיעור־קבע פארן שלאפן־גיין אין מוסר־ספרים אריינצוקוקן און איניקע זייטלעך זוהר אדורכצולערנען.

חצות האט ער היינט נישט אפגעריכט! דאס דבקותדיקע גיין אהין און צוריק איז עס אפשר געווען, אדער די יום־טובדיקייט פון געבוירן ווערן פון א קינד האט עס געפטערט . . .

ער האט נאך אריינגעשריבן אין זיין „ספר־היומי", אז א קינד איז אים היינט, למזל, געבוירן געווארן אין דעם דאטום, לסדר אזוי און אזוי. א דאנק השם יתברך . . .

אין דער זייט פון דער גרויסער ספרים־שטוב איז געווען א קליין שטיבל. דארטן איז געשטאנען אן איזערן בעטל. געוווסט, אז איך קום לערנען, האט מען דאס שטיבל פאר מיר צורעכט געמאכט. „ווייסט, כדי נישט צו שטערן, זיי ווייסן דאך נישט, אז דו ביסט געקומען, וועלן מיר שוין צוזאם שלאפן דא אין איזערנעם בעטל".

זיין סיסטעמאטישקייט, זיין זריזות איז אים תמיד בייגעשטאנען. ווי נאר ער האט זיך אויסגעטון, זיך געגעבן אן איפמונטערנדיקן רייב ביים קאפל און געזאגט „המפיל", איז ער אויפן ארט איינגעשלאפן, — ווי אן אפגעארבעטער וואס פאלט מיד אוועק נאך א שווערער פיזישער ארבעט. — זיין יעדער טאג איז געווען אן עבודה! — מיט א ריטמיש אטעמען, אפצציילן ווי געמאסטענע שריט.

איך בין געלעגן וואך, מיט אפענע אויגן, איבערגעמאטערט פון דעם גאנצן, ווונדערלעכן טאג, נישט נאר נישט פארשטייענדיק די געשעענישן, נאר אין מיר אליין נישט פארשטייענדיק די ענדערונגען פלוצלינג:

איך בין געלעגן וואך, געציילט אין מיין קאפ: איינס, צוויי, איינס, צוויי, און מיך צוגעהערט צום אטעמען און עס איינגעאטעמט איך מיר ווי עפעס שמעקעדיקס — כ'האב מיך מורא געהאט א ריר צו טון, מיין גאנצער גוף איז געבליבן עפעס אזא שווערס — אז כ'האב אנגעהויבן צו פילן די שווערקייט און מורא געקריגן פאר מיר.

איך האב נישט געטראכט. דער קאפ איז מיר געלעגן ווי געלעמט. נאר פאר מיינע אויגן האט דער היינטיקער טאג גענומען זיך וויקלען. צעריסענע בילדער אין פארשידענע קאלירן ווי די קאלירטע רעדער, וואס דרייען זיך פאר פארמאכטע אויגן; זיי האבן זיך אריינגעריסן איינס אין אנדערן: מאבעלע מיטן פערדל, דער סטרוזש מיטן הונט. דער ייד מיט די וואנסעס און קאפעלוש און דער באלנדער יונגערמאן מיטן ארויסגעשארצטן קאפעלי׳ושל — תמיד צו צוויי! „די הארפע", דער „הזמיר", „די בערושע" — אייגנטלעך אויך איינס... ווערטער אזעלכע וואס מיינען איינס. עפעס אומפארשטענדלעכס, ווי איך אליין בין עס אצינד... איך טראכט מיט די אויגן... זיי זיינען אפן און פאתוש איסגעגלאצט.

און פלוצלינג: דער ייד מיט די וואנסעס אליין איז צוויי, איז דריי. א בייזער ױי מיט בארד און פאות. און ווי ער זיצט אין קעלער און ביי פאלטשען אין דער צוקערניע, אן א היטל, מיט א פארשפיצט גלאנציק וואנסעלע.

איך בין מסתם לייכט איינגעשלאפן מיט א נערוועזן שלומערן: פון שפיגל ביי פאלטשען קוק איך ארויס, מיט א פארדרייט פנים, און שטיק מיך: „מזל־טוב!" און אונטער מיר, מיט אן ארויסגעפאלענער פאה, שטייט איך, א צוויי־טער, א היכער, א געבויגענער איבער מיר, א הויקעדיקער, מיט א קרומער פלייצע, א בייזער און בייג מיך, א צעשאקלטער, איבער דער טאשעוואניע, אנגע־טין אין א פאר תפילין: זולל־וסובא, ווי דאס פרעסט. האסטו דיין טאטן געזען אמאל אזוי — און כ'שפיר ווי אברהם־שלמה־מלך אלע דריי, טארען מיך ביים קני, העכער ארויף ביז צום ארבל... און ווי אין חלום הער איך א יענטשען: „אוי, מיין פוס, אוי, מיין פוס".

איך רייס אויף די אויגן. דאס וויינען ווערט אלץ שטארקער. שלמה שלאפט. אין דער קיך, הער איך, איז שטיל. שרה לאה, וואס „וואכט" אין שלאף, איז מסתם אויך איינגעשלאפן.

דאס יענטשען, דאס וויינען ווערט העכער, ציענדיקער: „אוי, ווי, מיין פוס! דערבארעמט איך, כ'האלט מער נישט אויס".

איך הייב אן מיטצויענטשען, מיט צו וויינען: אוי, מיין פוס! אוי, דערבא־רעמט איך.

שלמה כאפט זיך אויף. ער דערהערט דאס געוויין פון דער קימפעטארין, וואשט זיך שנעל די נעגל, כאפט עפעס אויף זיך און לויפט ארויס.

אין דער קיך טומלט זיך שוין. מ'הערט לויפן אויף די שטיגן. כ'דערקען



שרה לאהס קול: „זאג דעם דאקטאר, אז ס'איז דרינגענדיק, שנעל, לויף!"

דאס יענטשען, דאס וויינען הערט נישט אויף, און איך אויפן אייזערנעם בעטל הער אויך נישט אויף און מיט די אייגענע באנומענע קולות: אוי, מיין פוס, מיין פוס!

שלמה קומט אריין זיך גאנץ אנצוטון. מיינט מתחלת, אז איך מאך עפעס א משוגענעם שפאס. ער דרייט זיך אויס מיך אנצושרייען: „פרא אדם"! אבער ער זעט, אז איך קורטשע מיך אין יסורים: „וואס איז מיט דיר?"

„שלמה", צעוויין איך מיך, „כ'קאן נישט מער. כ'האלט נישט אויס. דער פוס רייסט מיר, אז איך שטארב".

אין דער שטוב ווערט שטילער. דאס יענטשען הערט אויף. איך הער א סודען אין קארידאר. דער דאקטאר קומט אריין א לאבעדיקער, ריידנדיק צו שלמהן, צו מיר: „הא, און וואס האט ער געהאט, א יינגל אדער א מיידל? ער שרייט דאך אזוי ווי ס'וואלט געווען א צווילינג!" ער באטאפט מיין פוס, פויקט מיר אויפן בויך, הייסט מיך ארויסשטעקן די צונג, קוקט מיר אין די אויגן אריין: „ווי אלט ביסטו?" און איידער איך רייד ארויס „אין פיפצנטן" שפיר איך א פעסטן שנעל אין בויך אריין, אז איך ציטער אויס אויף און שפיר ווי דער ווייטאק אין די פיס איז ווי מיט דער האנט אוועקגענומען.

„די בויך־פעל איז ביי אים א פארצערטלטע, א צו דינע, כמעט דורכזיכטיק. ער איז אויך צו גרויס פאר זיינע יארן. א גוט קעפל האט ער כאטש"? „א קעפל ווייס איך נישט, אבער כלים". דער דאקטאר טראכט נאך: „כ'זע, אז איר ווייסט וואס איר מיינט. און די אויגן האט ער האט פון דער מאמען?" „דאכט זיך". „לאזט, לאזט, כ'וועל שוין ארויסגיין אין קיך." איך כאפ נאך אויף „סימפאטיע" „סוגעסטיע". איך וועל פרעגן שלמה מלכן: סוגעסטיע? דיסקוסיע?

ד״ר פערלמאן, א געוועזענער בית־מדרש בחור, א געווארענער משכיל, אן אסימילאנט, איצט דער אנפירנדיקער ציוני אין סאסנאוויצע, איז א פאלקס־מענטש, אויפגעוואקסן און געוואקסן מיט דער שטאט. אין יעדער שטוב איז ער א היימישער. פריער האט מען אים געזען מיט זיין דאקטאריש וואליזקעלע איליק גיין איבער דער גאס, איצט פארט ער געמיטלעך מיט זיין ברישקעלע. ער היילט זיינע פאציענטן מער מיט זיין פאלקסטימלעכער באריידעוודיקייט ווי מיט זיינע רעצעפטן, ביי דער טיר, ווו מ'שטעקט אים אין זיין האנאראר אדער, פארקערט, ער לאזט נאך איבער א פאר גילדן צו קויפן די רעצעפט, בלייבט ער אויך נאך שטיין, אריינווארפנדיק א גלייכווערטל אדער א דאק־טארשן וויץ, וואס ער אליין מוז אויך מיטלאכן. מיט די שוחטים איז ער ממש אייגענע מענטשן. ער וווינט אויך א הויז ביי א הויז. די רביצין קען ער נאך אלס יונג מיידל און שלמהן פון ערשטן טאג פון זיין קעסט־עסן.

צוריק אריינקומענדיק אין דער ספרים־שטוב, זיך אפווישנדיק די הענט מיט א האנטוך: „זעט איר, רבי, ווערט נישט רויט. כ'מוז דאך איך שוין אזוי רופן. איר זענט דאך איצט אונזערס א מרא־דאתרא. כ'וועל שוין דא זיצן בלייבן א האלבע שעה. זיך אהיימגיין צוריקלייגן, ווער איז זיכער צי מ'וועט מיך נישט צוריקאויפוועקן. און חוץ דעם ווידער אויסשפאנען און איינשפאנען דאס

בריטשקעלע. עס שטייט זיך אזוי מנוחהדיק, אויסגעוואָרעמט אונטער די דעקע. וואס מיינט איר, א פערד ביי א דאקטאר האט אויך נישט אזא לייכט לעבן. אין א שעה מוז איך זיין אויף די פיאסקעס. א שווערער פאל. פון דא וועל איך שפארן א האלבן וועג. די רביצין איז א כוואטסקע, דאכט זיך ביי אייך שוין דאס פינפטע קינד, קין עין הרע. די שרה לאה איז א רחמנות. שוין דאס פירטע יאר, דאכט זיך, נאך דער חתונה".

„א טייערער יונגערמאן דער שלמה יודע... וואס מיינט איר, הערר דאקטאר, אפשר זאלן זיי פארן נאך ווין צו א גרויסן פראפעסאר?"

דער דאקטאר צעלאכט זיך: „אלע טא ניע פאמאזשע. שוין גלייכער טראגן דעם פדיון צו א גוטן רבין".

שלמה ווערט טרויעריק, פארטראכט. נעמט זיך ארומוויקלען ארום זיך דעם גארטל, ווייל ער פילט ארויס דעם גאנצן אמת און אויך דעם שפאס פון דאקטארישן וויץ; קוקנדיק אין דער זייט, ברומענדיק, ווי זיך גרייטנדיק צו דאווענען פון פארנט, זאגן א קאפיטל תהלים. ער זעט אוים ווי ער וואלט עס געטון מיט גרויס כוונה. דער דאקטאר קוקט זיך ערנסט צו:

„איר זעט, טאקע דא ווו איר וויקלט זיך ארום איז די 'בויך־פעל'. ס'איז רוין־דרזין, מיר ווייסן נאך ביז היינט־צו־טאג נישט גענוי די דריזן־סעקרעטן. טאקע מה למעלה און מה למטה גייט אלץ אדורך דורך דער מחיצה. דער גאנצער נערוון און געפיל־סיסטעם איז אפהענגיק פון דער געשפאנטער פויק — אז דער פעמפיק, דער פופיק, דאס גאנצע לעבן דרייט זיך דאך ארום אים ארום... אונזער פאציענט דרינען איז שטיל. דאכט זיך, ר'איז איינגעשלאפן. לאזט אים שלאפן. זיין נערוון־סיסטעם האט קודם נויטיק מנוחה. א גוטן מארגן, רבי, די עבודה רופט. האט מיך ביי א קאפיטל תהלים אויך אמאל אין זינען".

די טיר אין צימער אריין איז געווען קוים אפן, איבער מיר איז געווען אן אויסערגעוויינלעכע רואיקייט, ווי נאך א שווערער פארמאטערונג, ווען מ'הייבט אן קומען צו זיך. צוערשט דאס רעדן פונם דאקטאר, דערנאך שלמהס תהלים־זאגן, ווי א שטיל וואסערל האט עס געפלעשטשעט ארום מיר.

ווען ס'איז שוין דרינען אין דער גרויסער שטוב געווען א לאנגע צייט גאנץ שטיל, דורך דעם אפענעם שפאלט פון דער טיר איז אין מיין שטיבל שוין אויך געווען העלער טאג, און איך האב מיך אנגעטון, איז שרה לאה אריינגעקומען צום „תולה" מיט א גלאז מילך. מיר זיינען ביידע געבליבן אן לשון. זי האט געמיינט ארומצוגיין ארום מיר, ווי דעמלט ארום דעם יינגעלע, וואס מ'האט ארויסגענומען אן אנגעצוואגענעם פונם פאס רעגנוואסער, און דא שטייט פאר איר א רויט־געווארענער, גרויס־געוואקסענער חתן־בחור מיט א פאר אויסגעגלאצטע בלויע אויגן... זי האט געלאזן שטיין דאס גלאז מילך אויפן טישל און איז שנעל ארויס. איך האב מיך גיך פערטיק געמאכט און געגאנגען אין בית־מדרש אריין: זיכער שלמה מלך איז גערעכט. דאס רענצל שטייט דארטן אונטער דער באנק, אויבן אין דער ישיבה... שלמה מלך, אלץ ווייסט ער, אלץ כאפט ער מיט זיין בליק, איין דריי מיטן אויג און שוין... און ביי מיר בלייבט אלץ שטעקן אין די אויגן, איך ווייס גארנישט... איך גלאץ —



אויפן וועג אין בית־מדרש אריין איז די גאנצע צייט שרה לאה געגאנגען פארויס... ניין, צוויי שרה לאהס! די פון דעמלט מיט די לאנגע צעפ, מיט אן אפן לאכנדיק פנים... און א צווייטע, א טרויעריקע, א נאך שענערע, פון אונטערן שייטל קוקט ארויס אזא סמיטנע־פארשלייערט פנים, אזא וואונדערלעכע זיסע גוטסקייט קוקט ארויס פון די צייטיקע אויגן, נאר ארום די ליפן עפעס אזא... מאנדלדיקע ביטערקייט.

ס'איז טאקע אזוי געווען. דאס רענצל איז געשטאנען אונטער דער באנק, ווו איך בין נעכטן געזעסן. שלמה מלך האט אויף מיר שוין געווארט.

עס איז געגאנגען איין מנין נאכן אנדערן, און יעדער האט געהאט זיינע מתפללים. די ערשטע זיינען געווען די בעקערס, גייענדיק פון דער ארבעט אהיים, איבערשלאפן, האט מען בציבור אריינגעכאפט א דאווענען — איינגעמעלטע יידן, לערן־יינגלעך מיט טייג פארקלעפטע היטלעך. דער שוסטערישער מנין איז באלד געגאנגען נאך זיי, ווי די העמערלעך האט מען געהאלטן די קליינע סידורלעך אין די מאזאלע־הענט און מ'האט געשפיגן האלצענע טשוועקעס. די שניידערישע חברה האט מען באלד דערקענט אין זייערע אויפגעשארצטע אויסגעדארטע מוסקולאזע ארעמס, און זייער דאווענען האט שוין געהאט נוסח, מיט א שניידערישן ניגון. ס'איז טאקע געווען אין בית־המדרש, אבער איינגעטיילט אין מנינים.

עס ווערט לעבעדיקער אין בית־מדרש. עס צעוואַרעמט זיך. עס הייבן אן אריינצוקומען די יוסטע בעלי־בתים, די סוחרים, די קרעמער, מיט גרויסע, סאמעטענע טלית־זעק, מיט דיקע סידורים און חקלעך. יונגעלייטלעך מיט קיילעכדיקע היטלעך, מיט די אויסגענייטע תפילין־זעקלעך. ביים טיש זיצן שוין בחורים און לערנען. קעסט־יונגעלייטלעך גייען האפערדיק־נחתדיק ארויף און אראפ מיט נאך נישט צעוויקלטע טליתים אויף די אקסלען.

שלמה מלך האט זיך גארנישט געקענט אפוואונדערן פון מיין סאמעטענעם תפילין־זעקל, וואס צימעלע האט מיר צו דער בר־מצווה אויסגעשטיקט. אין ווינקל ביי דער טיר האט שמערקע שמש געהאט א טישל מיט אייער־קיכלעך, מיט געזאלצענע בייגל. מ'האט אויך באקומען א הייס גלעזל טיי, א שטארקן טרונק בראנפן. מיר האבן שנעל אפגעדאווענט, נאכן נאכאמאל באשמועסן דעם נעכטיקן טאג. שלמה מלך האט זיך גארנישט געקענט גענוג אפלאכן פון דער מעשה מיט מיין פוס: „וויאזוי האסטו עס געמאכט? דו האסט עס גוט אנגעשטעלט"... מיט אלע מיינע שבועות האט ער מיר גארנישט געוואלט גלייבן, אז עס האט מיר באמת ווי געטון.

מיר זיינען צוגעגאנגען צו שמערקען. ער האט זיך, מיט זיין ליטווישקייט, גארנישט גענוג געקענט אנפרייען מיט מיר: „דאס איז דאך דעם מורה־הוראה'ס ברודערל!" מיר האבן שנעל עפעס איבערגעכאפט און מיר האבן זיך געזעצט צום טיש לערנען, מיט חשק, מיט ברען, מיט ווארעמקייט, מיט א ניגון. עס האט געקלונגען. עס האט געקאכט. איך דערשפיר דעם טעם פון לערנען, א תאווהדיקע הנאה. עס צעגייט זיך אין די ביינער: כל עצמותי תאמרנה — מיר זענען געווען נפש אחת.

(צווייטער טייל פון קאפיטל — אין קומענדיקן נומער)

## יוסף לעפטוויטש

### אייבראהאמס

דיין לשון איז געווען ווייטשעפּעל.
ירושלים דיין הארץ, ווי א ייד.
טויט ליגסטו ווו דאס הארץ האט געפירט דיך,
אבער דו לעבסט מיט דיין ענגליש ליד.

ווייטשעפּעל האט אונז געלערנט ענגליש,
ביזט געשטארבן, ווי ראזנבערג, צו פרי,
האסט פאר ציון געגעבן דיין לעבן,
און פאר לאזט ענגלישע פּאעזיע.

ביזט געקומען, א זינגענדער פויגעל,
פון א ארים ווייטשעפּעלער הויז,
אזוי ווי זאנגוויל און ראזנבערג זענען געקומען,
ווי איך, פון דער ארימקייט ארויס.

גאט האט דיר ניט געגעבן די יארן
וואס דו האסט געבעטן פאר דיר,
נאר ווי לאנג ער האט דיך געלאזט זינגען,
האסטו געזונגען דיין שיר.

איצט איז געפאלן אויף דיר א שטילקייט,
דו ליגסט א טויטער דארט.
אבער דיינע לידער זענען דא געבליבן,
מיר הערן ווייטער דיין ווארט.

דיינע מכשירים, פּאפּיר און פעדער,
האסט געקעמפט מיט וואכט און מיט שווערד.
איצט ליגט דאס אלץ אויפבאהאלטן,
ביי גאט אויפבאווערט.

## אליהו פּאלושאק

### יוסף לעפטוויטש (צו זיין 70־יאריקן געבוירן־טאג)

ווען מען וואלט מיך געהייסן באצייכענען דאס וויכטיקסטע בוך פאר די לעצטע פינף יאר אין דער ענגליש־יידישער וועלט, וואלט איך אן שום ספק געענטפערט: „די גאלדענע פּאווע" (The Golden Peacock), אן אנטאלאגיע פון יידישער פּאעזיע, איבערזעצט פון יוסף לעפטוויטש און ארויסגעגעבן פונם פארלאגס־הויז טאמאס יאסעלאף, ניו־יארק — לאנדאן *, אינם יאר 1961. געווים האבן יידישע שרייבער געשריבן אויף יידישע און נישט־יידישע טעמעס פּאעזיע, נאוועלן און דראמעס דא אין לאנד. און ווי ווייט זיי זאלן זיך נישט



האבן באמיט צו דערגרייכן צו א הויכער מדרגה פון קונסט אין פארם און אינהאלט, וועלן זיי בלייבן אינם שאטן פון דער „גאלדענער פּאווע", ווייל קיינע פון די אלע געשאפענע ביכער אין די לעצטע יארן דריקט נישט אויס און איז נישט נתגלה פאר אונדז די יידישע נשמה, דעם יידישן תוכן, דאס יידישע הארץ, די יידישע בענקעניש, די ראנגלענישן פאר לעבן, קיום און פריהייט, ווי דאס דערמאנטע בוך.

אין זיין פאררעדע דערמאנט אונדז לעפטוויטש, אז שוין אין 1939, ווען „די גאלדענע פּאווע" איז דערשינען צום ערשטן מאל, האט אים לעיעלעס אין א בריוו דערמאנט, אז די יידישע פּאעזיע איז, א שטיק און חלק פון דער מערב־אמעראפּמאישער ליטעראטור", יא, פונם אייראפּייאישן מערב. אבער ווייס דער אייראפּייאישער ליטעראטור", יא, פונם אייראפּייאישן מערב. אבער ווייס דער איר טיפקייט, פון איר ליריק, פון איר קאמף־גייסט, פון איר „ממעמקים" פון אירע ווייטיקן, אויסגעשרייען און זוכענישן? כמעט גארנישט.

לאמיר ווייטער פרעגן: וואס ווייס דער דורכשניטלעכער יידישער מענטש דא אין ענגלאנד פון אונדזער יידיש־יידישער ליטעראטור, פון אונדזער יידישער פּאעזיע? נישט מער, ווי די נישט־יידן אין אונדזער היימישער וועלט. איז עס געווען א גרויסער אויפטו פונם וועטעראן אין דער יידישער פּאעזיע, אונדזער פריינט יוסף לעפטוויטש, ארויסצוגעבן נאכאמאל אין א פארגרעסערטער און כמעט־פולשטענדיקער פארעם זיין נייעסטע אנטאלאגיע פון יידישער פּאעזיע: „די גאלדענע פּאווע" אין ענגלישער איבערזעצונג.

ווער עס זאל די דאזיקע אנטאלאגיע, וואס איז אין פארמאט און אין דער לענג און אין דער ברייט א מין „מחזור מכל השנה" נישט נעמען אין דער האנט אריין — סיי דער פשוטער לייענער, סיי דער ליטעראטור־ליבהאבער און סיי אפילו דער ליטעראטור־קריטיקער, — וועט מוזן מודה זיין, אז דער מחבר, איבערזעצער און רעדאקטאר פונם דאזיקן בוך האט פארן יידישן עולם דא, ווו גייסטיקע ווערטן ווערן ליידער נישט געהעריק אפּגעשאצט, געשאפן עפּעס מאנומענטאלעס, וואס טאר נישט ווערן איגנארירט. ער האט אין דעם בוך אריינגעלייגט א סך ארבעט און ווי נישט אליין מיט דעם איבערזעצן, נור אויך אין דער סארטירונג, קלאסיפיצירונג און איינטיילונג.

„די גאלדענע פּאווע" אין איר פיינער אויסגאבע און איבערזעצונג דארף זיך געפינען אין יעדן יידישן הויז און וואלט געדארפט ווערן א באשטאנדטייל פונם יידישן לימוד אין אלע יידישע שולן, זאל א נייער אויפקומענדיקער יידישער דור עפּעס וויסן פון יידישער פּאעזיע.

יוסף לעפטוויטש ווערט איצטער ראש השנה זיבעציק יאר, און ווייל איך אים ווינטשן מיט א פאלקס־ווערטל:

צו געזונט, צום לעבן און צו לאנגע יארן פון שאפן.

* "The Golden Peacock", by Joseph Leftwich, Published by Thomas Yosseloff, New York and London.

## משה בעקערמאן

# ווער זענען דאס „די נעמער"?

(צו ש. י. הארענדארפס ארטיקל אין „לשון און לעבן")

איך ווייס נישט וואס ס'האט באוויגן פריינט הארענדארף ארויסצוקומען מיט א פארשלאג לטובה דייטשע געלטער. איך האב א פארדאכט, אז טיף אין זיין הארץ איז ער אליין א קעגנער פון אזעלכע געלטער; אנישט, וואלט ער זיך נישט אויסגעדריקט אזוי „וולגאריש" ווענן די לייט, „וואס זיצן אויף דער דייטשער געלט־שיסל". יענע, וועלכע האלטן כסדר אין נעמען און ווילן נאך, באנוצן זיך מיט א מער פאסיק ווארט: זיי האבן ספעציעל צוגעפאסט א ווארט, וואס פאסט זיך בעסער און שענער צום ענין — „שילומים"! זיי האבן בארייכערט די העברעאישע שפראך אין אזא היילעניש, אז צאנגין אין זיין העברעאיש־יידיש ווערטערבוך האט נאך אפילו נישט באוויזן עס צו פארטייטשן אויף יידיש...

אזוי ווי ס'וואלט פארנומען צופיל פלאץ זיך אריינצולאזן אין לאנגע חקירות, וויל איך בלויז פרעגן: וועלכער פון די „צוויי זיך באקעמפנדיקע צדדים" (ש. י. ה. ווערטער) שטייט אויף א העכערער, מאראלישער שטופע — דער א״ד, וועלכער רעכנט זיך נישט מיט די געפילן פון די לעבנגעבליבענע קרובים און האט אנגעפאנגען אויף אייגענער אחריות א ווילד געיעג נאך שילומים־געלטער, „די נעמער", אדער דער צד, וועלכער איז נישט געשטרויכלט געווארן און שטייט פעסט ביי דער מיינונג, אז ס'איז נידערטרעכטיק צו זיצן פנים אל פנים מיט מענטשן(?) און פארשאכערן דעם זעלבסטרעספעקט פון זיך אליין און דעם כבוד און ווירדע פון די מיליאנען קדושים?

דעם 16־טן יולי, 1942, זענען אין פאריז אין איין נאכט ארויסגעשלעפט געווארן פון די בעטן דרייסיק טויזנט יידישע נפשות: זויג־קינדער, זקנים, קראנקע און אפילו פאראליזירטע! עדות, וואס האבן בייגעוווינט די טראגישע סצענעס שאצן אפ, אז נאר דער טייוול אליין האט געקענט צוטראכטן אזעלכע יסורים פאר יענע הילפלאזע אין דעם ספארט־פאלאץ „וועלעדראם ד'היווער", ווו מען האט זיי געהאלטן עטלעכע טעג פארן אפטראנספארטירן צו זייער שחיטה קיין אוישוויץ. וויל איך פרעגן: וועלכע הויכע אינסטאנץ האט עס באאויפטראגט עמיצן אפצושאצן אין דאלארן דעם ווערט פון יענע פאריזער קרבנות און וואס צו טון מיטן געלט? וואלט מיין ברודער, וואס איז מיט זיין פרוי און זון געווען צווישן די פאריזער קדושים, באשטאנען אז זיין נאמען זאל דערמאנט ווערן אין א לעקסיקאן, וועלכן מען וועט ארויסגעבן מיט אזא געלט? אבער ווען מיר, קרובים פון די יידישע שרייבער אין פאריז, האבן זיך געווענדט מיט א פעטיציע צו די ארויסגעבער פון לעקסיקאן נישט צו דרוקן די נעמען פון אונזערע אומגעקומענע, האט מען די בקשה איגנארירט; און מיין ברודערס ביאגראפישע נאטיצן דערשיינען אין ערשטן באנד!

אט דאס זענען „די נעמערס"!



דערפאר וואס מיינע צוויי געבורט־שטעטלעך — ביאלע און מעזריטש — זענען געווארן „יודנריין" און ס'איז אפילו נישט געבליבן קיין סימן פון א בית־הקברות, דארף דער ייוו״א נעמען געלט פון די רוצחים אויסצופארשן דעם חורבן, וועלכן זיי, די מערדער, האבן דארט און אין הונדערטער אנדערע שטעט און שטעטלעך אנגעמאכט?... וואלט עס נישט געווען שענער און דערהויבענער ווען דאס געלט פאר אזא וויכטיקער ארבעט קומט פון יידישע קוועלן, פון אונזערע רייכע אמעריקאנער יידן אין מיאמי, קאליפארניע, און אפילו פון יידן אין ענגלאנד, וועלכע ווארפן זיך מיט מיליאנען פאר נישט־יידישע צוועקן? האבן זיך די גרינדער פון ייוו״א אין ווילנע פארלאזט אויף דייטשער הילף? און פאר דעם אומקום פון הונדערטער טויזנטער אונגארישע יידן דארף מען האלטן אין איין בויען לוקסוס־סינאגאגן און ישיבות אין אמעריקע און אין ענגלאנד, כדי די נייע נאציס זאלן האבן מער ווענט צו פארפאטשקען מיט סוואסטיקאס? וואס מיינען „די נעמער", אז מיט אזא „פרומקייט" וועלן זיי מער נושא חן זיין ביי גאט ווי, למשל, דער ארימער הלל הזקן, וועלכער האט געפרווירט אויפן בית־המדרש דאך צו הערן תורה? זענען די ישיבות אין דער אלטער היים אויך אויסגעהאלטן געווארן פון אזעלכע טריפהנע מטבעות? דאס צעטל איז צו לאנג און צו טרויעריק.

פריינט הארענדארף קלאגט איבן וויסטן גורל פון דער יידישער פרעסע אין לאנדאן. לאמיר זיך נישט פארבלענדן די אויגן. דאס איינציקע פראקטישע מיטל צו זיכערן די עקזיסטענץ פון א וואכנצייטונג און א חודש־זשורנאל ליגט נישט אין „כאפן א מינימאלן שיריים" פון דער „געלט־שיסל", ארום וועלכער פארשיידענע כניאקעס און „קולטור"־קאכלעפל טאנצן שוין לאנג אויף טיש און אויף בענק, נאר אין די הענט פון די יידיש־לייענער! ווען בלויז פינף פראצענט פון די יידן אין ענגלאנד וואלטן זיך געלאזט קאסטן פיר פענעס א טאג פאר א יידישער צייטונג, וואלט אין לאנדאן געקענט דערשיינען א טאג־צייטונג, א וואכנבלאט און א חודש־זשורנאל; און פאר נאך צוויי פענעס א טאג — א שיין יידיש טעאטער!

אבער ווער דארף „יידישע קולטור", וואס שטיצט זיך אויף דייטשע זייף־פאבריקאנטן און אבאזשור־פאבריקאנטן, וועלכע פאבריצירן זייער סחורה פון דער הויט און ביינער פון אונזערע נאנטע?! דערפאר מאכט מען עס הזכרות נאך די ווארשעווער געטא קדושים, כדי לאנדאן זאל האבן א פרעסע און לייענער און פארשיידענע מעקלערס זאלן ארומלויפן אין די בעסטע האטעלן?

פריינט הארענדארף שרייבט אויס: לאגיק, רבותי, א ביסעלע יידישע לאגיק! אויב ס'איז לאגיש צו מיינען, אז אזוי ווי „די נעמער" זענען שוין היינט אין דער מערהייט, באגייען זיי נישט קיין זינד, איז גאט נישט געווען לאגיש ווען ער האט פארניכטעט סדום... דארט זענען זיי אויך געווען אין דער מערהייט...

און דאן פארענדיקט פריינט הארענדארף זיין ארטיקל מיט א קשיא: „אז דער רבי מעג, טא פארוואס טארן מיר נישט?" ס'ווענדט זיך וואס דער רבי מעג... אויב א רבי, ר״ל, אנטלויפט מיט א שיקסע אדער שמדט זיך, איז

עס הערפון געדרונגען, אז זיינע ישיבה־בחורים מעגן אויך אזוי טון? לאגיק, פריינט הארענדארף, אביסעלע יידישע לאגיק!...

אלס ערן־סעקרעטאר פון „פריינט פון יידיש לשון" און קאמיטעט־מיטגליד אין משך פון לאנגע יארן, קאן איך פעסטשטעלן, אז אין די לעצטע אכט יאר איז דער פארשלאג פון „כאפן שיריים" פון דער געלט־שיסל צוויימאל איינשטימיק אפגעווארפן געווארן. * מיטן לייט־ארטיקל אין לעצטן נומער „לשון און לעבן" האט דער רעדאקטאר אויך באשטעטיקט, אז מיר שטייען היינט־צוטאג אויף דער זעלביקער פאזיציע מיט א ריינעם געוויסן.

מ. מינדל

## אנטיסעמיטיזם אמאל און היינט

דאס פראבלעם פון אנטיסעמיטיזם האט אנגענומען פארשיידענע פארמען אין יעדער צייט פון אונזער געשיכטע. דער האס צו אונזער פאלק פאנגט זיך אן אין מצרים נאך יוסף'ס טויט, ווען עס איז אויפגעשטאנען א נייע דינאסטיע, וואס האט דערקלערט: „הבה נתחכמה לו פן ירבה על שונאינו ויעלה מן הארץ".

דאס זענען געווען די ערשטע אנטיסעמיטן, אנטי־ישראלים.

אין די ערשטע צייטן פון ארץ־ישראל זענען עס געווען די פלשתים, וועלכע האבן אונז פארביטערט דאס לעבן.

מיטן אויפקומען פון די גריכישע און רוימישע אימפעריעס זענען מיר געווארן א ציל־ברעט פון אלע מלחמות. עס גייט נישט אוועק איין דור, אז עס זאל זיין שטיל. די פינסטערע כוחות געפינען שטענדיק א זאטשעפקע אין אונזער פאלק.

אונזער ארט לעבן איז געווען באזירט אויף מאראל, יושר און די געצנדינער זענען געווען בארבארן. דעריבער קען פינסטערניש נישט פארטראגן קיין ליכט.

די פעלקער ארום אונז האבן אונז געוואלט איינשלינגען מיט אסימילאציע, מיט שמד און דינען זייערע געטער.

די טויזנט יאר יידישע געשיכטע אין מזרח און מערב אייראפע איז א טרויעריקער המשך פון בארבאריזם און פאגראמען. מיט אויפשטייג פון דער מאדערנער טעכניק און אינדוסטרי אין 19טן און 20סטן יארהונדערט ענדערט זיך די לאגע, אבער זי ווערט נישט בעסער.

די עקאנאמישע אומשטענדן מאדערניזירן זיך און יידן אויך ווערן אריינגעצויגן אין דער אינדוסטריעלער רעוואלוציע. איצט פארוואנדלט זיך דער האס צו יידן אין א פאליטישן און עקאנאמישן אנטיסעמיטיזם.

נאר איצט שטייען מיר מער נישט אליין אינם קאמף קעגן דער פינסטערער רעאקציע, די פאלקסמאסן פון די לענדער, וואו מיר לעבן, האבן ביטער געליטן פון דער הערשנדיקער מאכט. און ווען דאס פאלק האט זיך גענומען רעוואלטירן, האט מען די שולד דערפאר געלייגט אויף די יידן. אומוויסנהייט האט אפטמאל געפירט צו פאגראמען...

ווען די רוסישע רעוואלוציע האט אויסגעבראכן האבן מיר געהאפט, אז



איצט וועט דער אנטיסעמיטיזם באקומען זיין טויט־קלאפ. אבער צום באדויערן איז דאס נישט דערגרייכט געווארן! אפיציעל האט מען טאקע דעם אנטיסעמיטיזם דערקלערט פאר א פארברעכן, נאר עס איז געבליבן בלויז אויפן פאפיר. איבערמאכן מיליאנען אנטיסעמיטן אויף פריינט פון יידישן פאלק איז כלל נישט אזא לייכטע אויפגאבע...

די טראגעדיע פון די זעקס מיליאן יידן, וועמען היטלער האט אומגעבראכט, האט נאך נישט ארויסגערופן קיין געפיל פון חרטה! ליידער געפינען זיך נאך אזעלכע קליקעס, וועלכע זוכן כסדר אומצודרייען די רעדער פון דער געשיכטע אויף צוריק. באווייזן דאך די לעצטע ארויסטרעטונגען מצד מאזלי און אנדערע כוליגאנעס ווי די מענטשהייט איז נאך אלץ נישט פריי פון דראנג צו ברוטאלער מאכט; בעת דאס בלוט פון אונזערע מארטירער־קדושים האט זיך נאך נישט אויסגעטריקנט, פארלאנגט שוין דער טייוול נייע קרבנות.

אונזער טרייסט באשטייט אין דעם וואס מיר זענען תמיד געשטאנען ביי די קברים פון אונטערדריקער און דיקטאטארן. מיר וועלן דעריבער איבערלעבן אויך די איצטיקע אליינגעמאכטע דיקטאטארן...

מיר דארפן דעריבער געדענקען, אז א קראנקייט דארף מען היילן אין זיך זיין באוואוסט אין וואס אונזער היסטארישע מיסיע באשטייט. מ'ר מוזן איפהאלטן אונזער קולטור־ניווא, פראפאגאנדירן מענטשן־ליבע און קעמפן פאר פרייהייט און גערעכטיקייט!

י. ל. פיין

## שלמה לעמל ע.ה.

הספדים, גלויב איך, זיינען געמאכט פאר לעבעדיקע ניט פאר פארשטארבענע. איך צווייפל אויב די פארשטארבענע ווילען הספדים, אדער אויב ווי ווייסן ווען מ'מאכט הספדים נאך זיי. איך וואג צי זאגן אז א הספד איז א גייסטיגע באפרידיגונג פאר די לעבעדיקע —; פאר די משפחה, פאר די קרובים, פריינט און חברים פון פארשטארבענעם; אייך גלויב אז טרויער נאך וועמען קען זיך ארויסדריקן פיל ערנסטער ביחידות, און איינזאמקייט און שטילקייט, ניט אין דער עפענטלאכקייט און ניט דורך רעדעס... אט דערפאר דענק איך אז דער צוועק פון אן עפענטליכען הספד, נאך וועמען ס'זאל ניט זיין, איז ניט צו טרויערן, נור אפצושאצען דאס לעבן און טעטיגקייט פונם באטרעפענעם פערזאן וועלכער ווערט אויף אייביק געשיידעט פון אונדז. א הספד דארף ניט זיין א מאניפעסטאציע פון טרויער. טרויער, ווי שוין געזאגט, איז מער מסוגל צו שטילקייט און שפראכלאזיגקייט ווי צו עפענטלאכע רעדעס. א הספד דארף זיין אונטערצוציען דעם סך־הכל פון לעבן פון אזעלכן וועלכער איז געווען נאענט צו אונדז פיזיש אדער גייסטיק.

אזוי לאנג ווי אמענש לעבט קען מען ניט מאכען דעם ס"ה פון זיין לעבן. „ואל תאמין בעצמך עד יום מותך" — (זאלסט ניט גלויבן אין זיך ביז טאג פון דיין טויט) האט געזאגט רבי הלל. און ווי אמת דאס איז! דעם ס"ה פון

אמענשענס לעבן קען מען אונטערציהען נור נאך זיין טויט. און אזוי ווי דער פארשטארבענער אליין קען זיין איבענעם ס״ה ניט מאכען, בלייבט עס פאר די נאכגעבליבענע ער צו מאכן נאך אים.

נישט זייענדיק קיין לאנדסמאן און נישט קיין קרוב פון שלמה לעמל, קען איך נאר געבן די פשוטע אפשאצונג איבער שלמה לעמל דעם פאלקסמענטש אדער, ווי יהודה ביעטש, אים צו לאנגע יאר, האט אים באצייכנט אין א בריוו צו מיר — „לעמל דער ארבעטער־מענטש". איך האב מיך באקענט מיט שלמה לעמל אן ערך פערציק־פופציק יאר צוריק, ווען איך בין געווען סעקרעטאר פון די מענטל־מייקער און ער איז געווען א מעמבער פון דער יוניאן. דער איינדרוק, וואס ער האט אויף מיר געמאכט מיט זיין אינטערעס אין דער יוניאנס אנגעלעגנהייטן, איז געבליבן פריש אין מיין זכרון.

לעמל איז קיינמאל געווען א פאסיווער מעמבער. ער האט שטענדיק געמאכט פילן זיין אנוועזנהייט אויף א מיטינג; שטענדיק געהאט עפעס צו זאגן, עפעס בייצוטראגן, און אפט איז זיין בייטראג געווען אין קעגנזאץ צו דער אפיציעלער פאליסי פון די יוניאן־אפישעלס.

ער האט נישט געשאנעוועט קיין אפישעל ווען ער האט געהאלטן, אז דער באטרעפענדער אפישעל קומט מיט „זיידענע הענטשקעס" צום באלעבאס צו פארהאנדלען א „קאמפלעינט" פון אן ארבעטער. ער האט אבער אויך געהאט דעם מוט זיך ארויסצוזאגן קעגן אן ארבעטער ווען ער האט געפילט, אז דער ארבעטער האט קיין בארעכטיקטן „קאמפלעינט".

לעמל האט געהאט א חוש פאר דעם, וואס מען רופט אין ענגליש „פעיר־פלעי". דאס הייסט צו זיין יושרדיק, צו געבן אן ערלעכע, אומפארטייאישע באהאנדלונג א קעגנער. איך געדענק ווי היינט א געוויסן אינצידענט ביי אונזערס א מיטינג, ווען ס׳האט זיך געהאנדלט צו באשטימען א סטרייק אין א געוויסער שאפ. וואו א מעמבער פון דער עקזעקוטיוו־קאמיטע האט געארבעט אלס פרעסער. אט דער באטרעפנדער מעמבער איז געווען גוט באקאנט אלס איינער, וואס האט שטארק ליב געהאט דעם ביטערן טראפן און וואס האט טעראריזירט נישט נאר דעם מייסטער, ביי וועלכן ער האט געארבעט, נאר אויך די ארבעטער פונם באטרעפנדן פלאץ.

דער טשערמאן פון די מענטל מייקער איז דאן געווען א שוואכלינג, נישט צו פעאיק און אויך נישט צו ערלעך. זייענדיק א „פאבליק־הויז"־חבר פון פרעסער, האט ער אונטערשטיצט דעם פרעסערס קאמפלעינט, און די עקזעקוטיוו־קאמיטע האט באשלאסן צו סטרייקן די שאפ. אויב דער פרעסער וועט „געסעקט" ווערן.

לעמל, וועלכער איז געווען באקאנט מיט די אלע איינצלהייטן פון „קאמפלעינט", האט גוט געוואוסט, אז דער פרעסער איז אומגערעכט און אז סטרייקן די שאפ וואלט געווען נישט נאר אן עוולה קעגן מייסטער, נאר עס וואלט אויך פיל שאדן געבראכט דער יוניאן. לעמל האט דעריבער שטארק אפאנירט דעם פארשלאג פאר א סטרייק, און דער טשערמאן האט אים עטלעכע מאל אונטער־



געבראכן ביז לעמל האט אין א שטארקער אויפרעגונג אויסגעשריגן: — „מר. טשערמאן, איר קענט מיך „סטאפן" פון ריידן, איר קענט מיך נישט „סטאפן" פון זאגן דעם אמת, אויב איר ווייסט וואס אמת איז! אמת ליגט נישט אויפן דעק פון א גלאז ביר" . . . דאס ווייסט איר, מר. טשערמאן, אט דאס אילוסטרירט לעמלס כאראקטער.

לעמל איז געווען דער עפיטאם, דער תמצית פון פשוטן, ערלעכן, יידישן באוואוסטזיניקן פאלקסמענטש. ער האט נישט געחנפעט זיינע פריינט און נישט געהאסט זיינע קעגנער. ער איז געווען פריי און אויסגעשפראכן אין זיינע מיינונגען, און איז שטענדיק געשטאנען פעסט ביי זיינע פרינציפן, אבער נישט ווי א בלינדער עקשן. ער איז געווען געטריי און לאיאל אין זיין געזעלשאפטלעכער ארבעט און אין זיין באציאונג צו זיינע מיטמענטשן ביז צום סוף פון זיין לעבן.

דאס, נאך מיין מיינונג, איז דער סך־הכל, דער אונטערגעצייגענער בילאנס פון לעמלס לעבן. און אונטערצייענדיק אט דעם בילאנס דארפן מיר, זיינע חברים, לאנדסלייט און פריינט, נישט טרויערן, נאר אים געדענקען מיט ליבע און אכטונג; און מיט דאנקבארקייט וואס לעמל איז געווען מיט אונז ביז צו א רייפער עלטער. אזוי, אז מיר האבן געקענט געניסן פון זיינע לייסטונגען פאר אונז און מיט אונז.

אנשטאט טרויער דארפן מיר באשליסן פארטצוזעצן זיין ארבעט, וואס איז אים ליב און טייער געווען. זאל זיין פאמיליע געטרייסט מיט דער באוואוסטזיניקייט, אז דער נאמען שלמה לעמל וועט נישט פארגעסן ווערן ביי די חברים פון זיין דור.

## מאנע קאץ ע.ה.

ביים שליסן דעם נומער איז אנגעקומען די טרויעריקע ידיעה, אז דער בארימטער מאלער מאנע קאץ איז נישט מער צווישן די לעבעדיקע. דער נפטר געהער צו די געציילטע גרויס יידישע מאלער פון אונזער עפאכע. דער אייראפעאישע קונסטלער מאנע קאץ איז אויך געווען א פאלקסטימלעכער ייד, וואס האט ליב געהאט זיך צו מישן צווישן די יידישע פאלקס־מאסן, פון ווו ער האט געשעפט זיינע מאטיוון און זיין אינטואיציע. נישט איין מאל ביי זיינע לאנדאנער באזוכן פלעגט ער זיין דער גאסט פון אונזערע שבת נאכמיטאגס, און מיט זיין לעגענדאריש־קינדיש־פארטריאכאלן דערשיינונג, באשיינען אונזערע ליטערארישע אוונטן.

מיר טרויערן מיט מיט דער גאנצער יידישע קולטור־וועלט איבער דעם פרי־צייטיקן טויט פון דעם גרויסן קונסטלער. חבל על דאבדין.

ש.

---

מיר דריקן אויס אונזער מיטלייד צו אונזער פריינט **בעלע וויינער** פון טויט פון איר ברודער דעם קולטור־טוער אין בואנעס־איירעס **עלע וויינער** ע.ה. זי זאל מער פון קיין צער נישט וויסן.

„לשון און לעבן"

# לאָנדאָנער קולטור ידיעות

אויף דער איינלאַדונג פונעם ייוו"א וועט דער וועלט־באַרימטער רעציטאַטאָר הערץ גראָסבאַרד האָבן אַן איינמאָליקן רעציטאַציע־אָוונט אין לאָנדאָן, דעם ערשטן טאָג חול־המועד. פאַר דער לאָנדאָנער יידיש־ליטעראַרישער קולטור־וועלט, וועט דער אָוונט זיין אַ נייס־ט'ק, יום־טוב, ווי אַלע ליב־האָבער פונעם יידישן קונסטלערישן וואָרט וועלן זיך אויף אים צוגרייטן. דער רעציטאַציע אָוונט וועט פאָרקומען מאָנטיק, דעם 15'טן אָקטאָבער 7.45 אין נייעם קאַמיוניטי צענטער פון דער סט. דזשאָנס וואָוד סינאַגאָגע.

* * *

מיכאַל זילבערבערג, האָט אַדורכגעמאַכט אַ שווערע קראַנקייט. ער איז שוין אין גוטע בעסערונג מיר ווינטשן אַ רפואה שלימה.

* * *

קומענדיקן חודש דערשיינט אַ בוך בן־צבי בערשטיין: „בילדער און געשטאַלטן".

* * *

דאָס אַקטיאָרן פּאָרל סעם גאָלדבערג און העלען ווינאָגראַד זיינען צוריק־געקומען פון אַ נסיעה אין אַמעריקע, זיי גרייטן צו אַ וואָרט־קאָנצערט אין די קומענדיקע וואָכן.

* * *

צום 10טן יאָרצייט פון די קדושים־שרייבער פון סאָוויעט־רוסלאַנד האָט פריינט פון יידיש לשון איינגעאָרדנט אַ שבת־נאָכמיטאָג מיט דער באַטייליקונג פון מאיר צעלניקער.

* * *

ביים שבת געווידמעט דעם יידיש ליד האָט זיך לעאָן בלומענזאָן מיט באַטייליקט.

* * *

דער סעמינאַר פאַר יידישע קולטור און יידיש וויסן, איינגעאָרדנט פון פריינט פון יידיש לשון און דער לאָנדאָנער קאָנט־קאָנסל הייבט זיך אָן קומענדיקן חודש.

צו די שלושים פון שלמה לעמל ע"ה, איז אין בן־אורי געווען אַ טרויער פאַרזאַמלונג איינגעאָרדנט פון סקלערנווויצער־ראַווער פערייז, אין וועלכן דער נפטר איז געווען פרעזידענט. ער איז אויך געווען פאָרזיצער אין יעקסט־ענד „פריינט פון יידיש לשון". די רעדנער זיינען געווען י. ל. פיין (וועמס רעדע איז דריקן פאַרקורצטן), אליהו פאָלישאַק, נעט ריבין, א. נ. שטענצל. י. ביעטש האָט געפירט דעם פאָרזיץ.

* * *



יוסף לעפטאָוויטש

צום 70 געבוירן־טאָג פון יוסף לעפטאָוויטש אָרדנט איין די יידישע קולטור געזעלשאַפט אַ יובל־באַנקעט.

## יידיש ליטעראַרישע שבת-נאָכמיטאָגס

### אין בערנער סטר. 33, בערנאַרד באַראָן סעטלמענט א.1. — 3 אַזייגער

שבת, דעם 22'סטן נאָוועמבער — שלמה אויערבאַך, מאיר באַגראַנסקי און נעט ריבין — אין אַ ימים נוראים־פּראָגראַם.

שבת, דעם 6'סטן אָקטאָבער — יעקב ריכטיגער : דער זין פון תשובה.

שבת, דעם 13'טן פון אונזערע קלאַסיקער לכבוד סכות.

שבת, שמיני־עצרת, — פון אונזערע קלאַסיקער פּאָעטן.



מיכאַל לידער און פרוי ווינטשן זייערע עלטערן און שוועסטערן אין לאָנדאָן און אין ישראל און אַלע קרובים און פריינט אַ כתיבה וחתימה טובה.

יוסף חבר בינטענטאַל ווינטשט זיינע טעכטער, איידעמס, אייניקלעך, אַ כתיבה וחתימה טובה.

זרובבל נאַרשט און פרוי ווינטשן אַ כתיבה זייער משפחה און פריינט.

לואי קויטן און פרוי ווייס־פרעזידענט פון בית ציון ווינטשן אַ כוח־ט זייער קרובים און פריינט.

חנה הינדע שפיגלמאַן, ווינטשט אירע קינדער אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע, אירע אייניקלעך און אור־אייניקלעך און אַלע אירע קרובים און פריינט אַסך גוטע געזונטע יאָרן.

שמואל מאַקאַטאַוו ווינטשט אַלע חברים און פריינט אַ שנה טובה.

שלמה יאַקובאָוויטש, פרוי און קינדער ווינטשן זייער משפחה, פריינט און אַלע יידן אַ גוט יאָר.

מאיר ביעטש, פרוי און זון, ווינטשן זייער משפחה, קרובים און פריינט, בכל מקום שהם, און „פריינט פון יידיש לשון" אַ גוט און גליקליך יאָר. און אַ כתיבה וחתימה טובה.

סידני שעני פון 463 קאַמערשל רויד א.1., ווינטשט איר ברודער, און פאַמיליע און אַלע פריינד אַ גוט און גליקלעך יאָר.

גדליה און מלכה ל בערשטיין ווינטשן זייערע שוועסטער און ברידער, קינדער און דאָס ליבע אייניקל, פריינד און גאַנצע משפחה אַ ריאַיק און גליקלעך יאָר.

מרס. שרה לאה האַכשטיין ווינטשט איר פאַמיליע, פריינט און זון און קרובים, בכל מקום שהם, אַ גוט יאָר, און אַ כתיבה וחתימה טובה.

חיים לעווי און פאַמיליע ווינטשט אַלע פריינט אַלעם בעסטע צום נייעם יאָר.

יהושע שפּינדלער און פרוי ווינטשט אַ כתיבה וחתימה טובה אַלע זיינע פריינט און כל ישראל.

מר. און מרס. סעם הערמס ווינשן זייערע זין, טאָכטער, שנירס, אייניקלעך, משפחה און קרובים אין ישראל, רומעניע, אַמעריקע, אַ כתיבה וחתימה טובה.

מרס. מאַבאַמאַניק ווינשט אירע קינדער און אַלע פריינט אַ גוט יאָר.

מענו לעווי און פרוי ווינטשן אַלע פריינט אַ גוט יאָר.

לשנה טובה תכתבו צו מיינע קינדער און זייערע משפחות און אַלע פריינט פון לשון און לעבן — פרץ אַקערמאַן.

אַ געזונט און גליקלעך יאָר, ווינטשן מיר אונזער טאָכטער איידעם, אייניקל, רעכטמאַנס משפחה און פריינט. באַזונדערס אַלע פריינט פון „פריינט פון יידיש לשון" די „ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס" און כל ישראל — אייזיק גאָלדבערג און פרוי צביה.

אסתר וואַסערמאַן ווינטשט די פאַמיליע און אַלע בעקאַנטע אַ כתיבה וחתימה טובה.

יעקב און מלכה סיגאַל פון לידז ווינטשן אַלע זייערע פריינט און וואָקאַנטע איאָר פון געזונט און שלום.

מר. און מרס. ש. הוימאַן און פאַמיליע ווינטשן זייערע פריינט און אויך פאַמיליע אין ישראל אַ שנה טובה.

ישראל און בתשבע שטערמאַן ווינטשן דעם כלל ישראל אַ שנה טובה.

איך ווינטש מיין משפחה און פריינט אַ כתיבה וחתימה טובה — פרוי י. מאַנדלבוים.

סעמועל, 97 גרויאַר „סעקאַנד קלאַס שאָפּ" ווינטשט אַלע זיינע פריינט אַ גוט יאָר.

חנה מאַרקאָוויטש און טאָכטער ווינטשט זיינע זין, שנירס, טעכטער, פאַמיליע, מעמבערס פון נעלסאָן שול און דעם רבין אַ כתיבה וחתימה טובה.

אברהם בערמאַן און זון דוד פון קלאַפּטאָן ווינטשן אַלע זייערע גוטע פריינט אַ כתיבה וחתימה טובה.

לכל משפחתי ברכתי לשנה החדשה שנשמע בשורות טובות מכל אחינו בני ישראל באשר הם שם — ח. נ. בענסקי.

איך ווינטש מיין ברודער משה, זיין פרוי און קינדער ווי אויך אַלע פריינט פון דער יידישער קולטור איבעראַל, אַ געזונט און פריילעך יאָר — בן אַלמאַן, מאַנטשעסטער.

פאָרזיצערין פון איסט לאָנדאָן „וויצ"א מרס. אַני נאָרדער (וואָס געפינט זיך איצט אויף אַ נסיעה אין ישראל), ווינטשט די מעמבערס פון וויצ"א, בית ציון און „לשון און לעבן" אַ כתיבה וחתימה טובה.

יוסף גרינבערג און פרוי ווינטשן זייערע קינדער און אייניקלעך, קרובים און פריינט וו"א. אין אַמעריקע און אין אַרגענטינע אַ געזונט און גליקלעך יאָר.

אברהם בן שמעון און זיין פרוי לאה און זייער זון יהודה ווינטשן זייערע קרובים און פריינט אַ כתיבה וחתימה טובה.

אברהם נכום און פרוי ווינטשן זייער משפחה אין ישראל און אלע פעלקער א גוט יאר.

מרדכי לאודער און פרוי ווינטשן זייערע קינדער און איניקלעך אין ארץ־ישראל און אין חוץ־לארץ, און פריינט און קרובים א שנת חיים ושלום.

מיר ווינטשן געזונט און לעבן אלע אונ־זערע גוטע פריינט — מאיר און דארא ראז.

נחום שטענצל, פרוי און טאכטער און א. נ. שטענצל ווינטשן זייערע קרובים און פריינט א גוט יאר, א כתיבה וחתימה טובה.



בעקי גאלדשטיין



יוסף מארקאוויטש
געצ״כנט פון הארי מאזאסעווסקי

צום 85־סטן געבוירנטאג פון בעקי גאלד־שטיין, די מאמע פונם יידישן טעאטער, לאנ־דאן, האבן „פריינט פון יידיש" איינגעארדנט א שבת נאכמיטאג ווו די אקטריסע איז באג־ריסט געווארן, פון קאלעגן און ליבהאבער פון יידיש טעאטער. עווא ווידמאן האט גע־זונגען „די יידישע מאמע".

דער שבת נאכמיטאג איז אויך געווען גע־ווידמעט דעם דראמאטור און אקטאר יאזעף מארקאוויטש צו זיין 60־טן יאר זיין אין לאנ־דאן. מארקאוויטש האט געליינט פון זיינס א דראמע און יידל גאלדבערג האט רעציטירט מארקאוויטשס א מוזיקאלישע באלאדע.

אונזער מיטגליד, פריינט ל ײ ז ע ר ב ע ט ע ל וואס איז ארויס פון האספיטאל, ווינטשן מיר א רפואה שלימה און א כוח־ט אים און זיין פרוי און קינדער.
„לשון און לעבן".

**מיר בעטן אונזערע אבאנענטן, זיי זאלן צושיקן זייער אבאנא־מענט אפצאל.** דערמיט וועלן זיי פיל פארלייכטערן אונזער אַרבעט.

די ווינטערדיקע סוף חודש זונטיקס
אין בן אורי, הייבן זיך אן זונטיק דעם 25־סטן נאוועמבער

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומ. 10־11 (העפט 3־372) דריי און צוואנציקסטער יאר אוק.־נאוו. 1962 לאנדאן

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה א ל ט :

| | | |
|---|---|---|
| צום קאנציל און וואטיקאן, נאך די ימים נוראים טעג... | ** | 1 |
| „בראשית" (יידישע פילאזאפיע און טראדיציע) | יעקב ריכטינער | 3 |
| די רוסיש יידישע עמיגראציע קיין ענגלאנד ביז 1881 | אהרן ר' ראלין | 8 |
| יידיש (ליד) | יוסף לעפטוויטש | 13 |
| פון טאל ביזקל לאנדאן (דערציילונג) | משה דאמב | 13 |
| בן שמונים לגבורה (ליד) | שמואל וההייש | 16 |
| אין פעלד (ליד) | עלע זילבערג | 16 |
| שלמה מלך (פראו המשך) בעל־שם־וואריאציעס (פאעמע) | א. נ. שטענצל | 17 |
| פון אונזער פראווינץ | מ. אלמאן | 44 |
| יידיש טעאטער פון בראדוויי ביז איסט סייד | עלען ווינאגראד | 45 |
| רחל דן יחיא | סומך־פיליפס | |
| קולטור - ידיעות | | |

**זונטיק דעם 25סטן נאוועמבער אין בן אורי**

14 בערנער סטר. ו. 6.8 זייגער

**70 יאר יוסף לעפטוויטש**

עס וועלן ריידן י. ביעמע, אליהו פאלושאק, יעקב זאנסאג און דער בעל־יובל
אייזיק גאלדבערג און נעט רובין וועלן רעציטירן לעפטוויטשס לידער

**פרייז 2 שילינג**

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר
אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—
"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*